6

pp 1-59, 90

## דֶער

# שִׁבְעִים מָאלְצַייט

דָאס אִיזְט אַיינֶע הֶערְלִיכֶע אוּנ וואוּנְדֶערְלִיכֶע עֶרְצֵייהְלוּנְג פוּן אַיינֶם גֶעווִיסִין קָאנְטָארִיסְט טָאבִיַאס מָאזֶער וָואס הָאט זֶעלְבְּסְט דֶער צַיילְט אִין דֶער נַאכְט פוּן זַיינֶעם שִׁבְעִים מַאהל (מָאלְצַייט) פוּן זִיךְ זֶעלְבְּסְט, דָאס הַייסְט זַיין לֶעבֶענְס גֶעשִׁיכְטֶע (בִּיָאגְרַאפְיֶע), דָאס הַייסְט אַלֶעס וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט מִיט אִים פוּן זַיינֶער קִינְדְהַייט אָן בִּיז דִיזֶען אָווענְד פוּן זַיינֶעם שִׁבְעִים מַאהל, מִיט אַיינֶער הֶערְלִיכֶע הַקְדָמָה:

## מאת אמ״ד.

# ווילנא

בדפוס והוצאות האלמנה והאחים ראם

שנת תרל״ז לפ״ק

ШИВИМЪ МОЛЦЕЙТЪ
т. е.
Пиръ на семьдесятый годъ. Повѣсть
А. М. Дика.

ВИЛЬНА.
Въ типографіи Вдовы и братьевъ Роммъ,
на Жмудскомъ переулкѣ въ домахъ
подъ № № 327 и 328.
1877.

זייכטליכע לייטע (דותאונגע) . איבער דיא אויף קלערונג אדער
בילדונג זיינען דא פראפעסארען . איבער דיא וועלט קענטניסע
זיינען דא דיא עטהיקער וואס בעלעהרען דעם פאלקע דיא
טוגענדען אונ דעם גוטען בענעהמען זיך אין דער וועלט אונ וואס
דעם מענטשען נייטיג איזט צו געברויכען פון איר אונ וואס ניט .
אונ וויא צו שטיין אין פערקעהר מיט מענטשען . אונ ווייל גראדע
דיזעס וואס עס איז יעדען פיל נייטיגער צו ווישען אלס מאנכע
רעליגיאנס זאכען . וויא אונזערע חכמים זעלבסט זאגין דאס דיא
לעהרע פון דרך ארץ (פון וועלט אומגאנג) וואר נאך פיל פריהער
זאר דיא לעהרע פון דר היילינגע תורה איז העכסט פערנאבלעסיגט
אפגעלאזען) ביא אונז אידען · דען מיר האבין אונטער
אונז אידען . קיינע גילעהרענטע עטהיקער . האבין זייער
שטעלע פערטראטען גאנץ אונוויסענדע מענטשען : וואס
האבין מיט זייערע חבורים וואס זייא האבין פערפאסט
איבער דיזען שווערען ענין פיל מער געשאדעט אלס פערריכט .
אם דייטליכען איזט עס צו מערקען אן זייערע חבורים וואס
זייא האבין פערפאסט איבער גידול בנים (קינדער ערציהונג) .
וואס עס מוז גישעהען אים העכסטען איינקלאנג (שטימונג) מיט
דעם צייט גייסט (לפי רוח הזמן) (דוח ווערעמענע) · אונד דיזע
אונוויסענדע מענטשען האבין אזוי אקנאפען בעגריף פון דעם
צייט גייסט וויא דער האן פון בני אדם . זייא בלייבין מיט איין
יאר הונדערט צוריק · עס בעקומט זייא פיל בעסער איינע
שפארקאטע ליכטעל . אלס איינע גאז בעלייכטונג . איינע
אייסעסקער פור מיט אשמארקאטען פורמאן אלס דיא אייזענבאהן.
אונ העטען זייא גיוען שטרייט לייטע וואלטען זייא זיך געווים
פיל בעסער בעדינט מיט אפיילען בויגין אלס מיט אביקס אונ מיט
א קאנאן . זייא האבין אונז מיט זייערע ליידיגע (פוסטע) חבורים
אום איינען גרויסען צייט רוים (משך) גיבראכט.דען דער ווילע
איז דיא וועלט זייער ווייט איינגיפאהרין דאס מיר אונ אונזערע
קינדער

JG 78.1.23
Harvard College Library
Gift of
LEO WIENER,
Nov. 16, 1898.

Дозволено цензурою 21 апрѣля 1877 г. Вильна.

א. תחינות

קינדער וועלן דיא לעצטע קרעפטען פערלירען אום עס איין
צו יאגין . אדער אן צו יאגין :

אם לעבערליכסטען האבין זיך דיזע אונוויסענדע
(ניוויעזעם) געצייגט אין זייערע חבורים וואס זייא האבין
פערפאסט אין אידעש טייץ (זארגאן) פאר אונזערע מיידכען אונ
פרויען וואס שטייען נאך גאנץ צוריק זעלבסט אין דיא רעליגיאנס
זאכען . דען עס איז נאך קיין גוטער שריט (טריט) גיטאן גיווארין
פאר זייא אין דיזעם היילינגען הינזיכט . וויא אונגערייםט
(אונשיקליך . ניעזוגראבנע) זיינען פערפאסט דיא תחנות ; זייא
זיינען גאר אן אזין . עס איז אין זייא קיין גראדעס ווארט דא .
קיין גידאנקען וואס זאל דאס הערץ ערווארעמען . דעם גייסט
ערהייבין . עס איז יעדעס ווארט פינף מאל איבער גיקייט , דאס
עס עקעלט אן יעדען גראדען מענטשען . עס קלעפט ניט איין
ווארט צו דעם אנדערען . קיין המשך . איך וויים מען קען מיר
איינווענדען זאגין "דאס גאט ברויכט נור דאס הערץ אבער ניט
דאס ליפען געשוועץ (נעפלוידערט) אונ פרויען וויינען אוים
זייערע אויגין אויך איבער דיזע צוקאלאצעטע תחנות" ניין מיינע
טייערע לעזערין . דיזעם קען נור איין נאר זאגען . ערסטענם מוז
דאס הערץ שטיין אין דעם העכסטען איינקלאנג מיט דיא
ליפען . דאהער זיינען דיא תפלות וואס אונזערע אנשי כנסת
הגדולה האבין מתקן גיוועזן אין איינער העכסט ריינע שפראכע
געשריבין . געלייטערט וויא גאלד . גליהענד אונ בליהענד . אונ
וויא ערהאבען , גרוים הערץ גרייפענד איזט ניט דארט דיא
אינהאלטען . דיא גידאנקן . דאס זעלבסט ניבט יודען וואס לעזען
עס אין איבערזעצונגען פון אנדערע שפראכען ווערין ערבוים
(פול מיט היילינגע געפיהלען) . ווישען זיך דיא אויגין דען זייא
ערהייבען דיא זיילע צו גאט. צייגען איר זיינע גרעסע (גדלות)
אונ זיא פערלירט זיך דאן : אין איינער ענטציקענדע (גליקליכע)
בעגייסטערונג . אונ פשיטא שוין ווען זייא ווערין אוים
גישפראכען



גישפראכען מיט איננברונסט (התלהבות) אין דער גיבעט שטונדע.
עס איז איין הימעלישעס פערגעניגען איהם (גאט) אזוי
אנצובעטען . אונ גראדע דיזעס איז דיר מיינע טייערע לעזערין
פערזאגט (אפגעזאגט) . דען עס איז איינע אונמעגליכקייט דאס
דיינע צו בורעטע תחנות וואס פעלט זייא לייב אונ לעבען
(קיינע שפראכע . קיינע גידאנקען) זאלין קענען ערעגען (ערוועקין)
אין דיינעם הערצען אזעלכע הימעלישע געפיהלע . דיינע טרערין
שטעמען ניט אוים דער בעגייסטערונגס קוועלע . ניין נור אוים
איינער שוואכהייט . וויא דוא וויינסט ערב יום כפור פאר נאכט .
דאס דוא ביזט דאן האלב צושראקין . האלב גערירהט*) בעקומסט
דאן רחמנות אויף זיך . אויף דיין מאן . אויף דיינע קינדער. וואס
דאס קומט פאר דארט אין דיינע תחנות צעהען מאל אין איינער
שורה . אונ ווייטער ביזט דוא מיט דעם וואהרען געטליכען
ענטציקען (התפעלות) גאר קיין מחותנעסטע ניט . אונ ניט
בעסער גייט עס צו מיט דיינעם דאווענען . דיין קרבן מנחה סידור
איז זייער שלעכט איבער זעצט . זיא (דיא איבער זעצונג) איזט
נור

ב. קרבן מנחה

*) דאס שפריכווארט זאגט , דאס וויינען אונ לאכען זיינען
בייא דיא פרויען אנשטעקענד (זאראזליווע) , דיזעס איזט צוא
מערקען אום ערב יום כפור נאך האלבען טאג , מען וויינט קוקענדיג
אויף דיא אנדערע , צום שפאס איז צו גינאנגען איין יונגער
מאן צו איינער אידענע וואס איז גיזעסען אין אקליין שפייז
קרעמעל וואס האט שוין אנגישטעלט ליפקעס צום וויינען . אונ
האט צו איר גיזאגט מיט איינער וויינערליכע שטימע "גוט נאוועגד
בריינע , גיט מיר פאר אגראסין פעפער", "פאר אגראסין פעפער"
האט דיא בריינע ארוים גפלאצט מיט איינעם שרעקליכען וויינען
האט איר זע אגראסין קליין געלט ?" "דאס האב איך ניט" האט
איינער גיענטפערט אונ איזט זיך אוועק לאכענד , אונ האט איר
גילאזין וויינענד זייער הויך :

נור אַיין בעטייבענדער (פערגלוסטעטער) ווידער האַל (אָפּהילכונג) פון אונזערע הייליגע און געטליכע געבעטע. אָהנע דיא מינדעסטע דייטליכקייט. אַן אַנישפּאַק וואָס קען איינעם געזונדען מענטשען פערשטאַנד מער ברייגנען צום לאַכען אַלס צו איינער אַנדאַכט (כוונה) אַזוי וויא איין עטוואָס איבער מישטעם און נאָך געשפּאַטעטעם. צוואַר דער זאַרגאַן (אידעש טייטש) איז אין אַלגעמיין (בדרך כלל) גאַר קיין שפּראַך. הלואי וואָלטען מיר אים ניט געקענט און געשפּראַכען בעסער אין אונזער לאַנדעס שפּראַכע וויא אַלע אונזערע אידעשע ברידער זיינען. למשל דער יודע וואָס וואוינט אין אַראַביען רעט אַראַביש בייא זיך צו הויזע. דאָס זעלבסט דער רבינו בחיי האָט געשריבען זיין ספר חובות הלבבות אין אַראַביש. און דער רמב"ם זיין פּירוש המשניות און זיין מורה נבוכים אין אַראַביש וואָס דאָס וואַר זייער לאַנדעס שפּראַכע. אַזוי שפּרעכען דיא יודען וואָס וואוינען אין פראַנקרייך פראַנצויזעס. און דיא וואָס וואוינען אין איינגלאַנד שפּרעכען איינגעלש. בייא אַלעם דעם ווען מיר נאָך שפּרעכען דעם זאַרגאַן האַבען מיר געקענט אונזערע תפלות פיל שענער און בעסער איבערזעצען אין אים אַלס ער איבערזעצט איזט, דען דער זאַרגאַן האָט אויך וואָס שיינעס אין זיך. איז גאַר וואָס צירליכע ריהרענדעס. מען קען אין אים אויך שפּרעכען צום הערצען. ווען מען אים נור ריין און גערעגעלט שפּריכט אָדער שרייבט. און מען מוז אָבער דער צו האַבען איינע געשיקטע פעדער. מאַנכע בעזיצען עס (האַבען עס) צוואַר. און האַבען אַלזוי דעם זאַרגאַן שוין פיל געבעשערט דאָס זייערע ערציהלונגען וואָס זייא האַבען אַרויס געגעבען אין אים ווערט געלעזען מיט דעם גרעסטען בייפאַל (בראַוואָ) זעלבסט פון געבילדעטע לייטע וואָס זיינען בעלעזען אין רוסישע, דייטשע ווערקע. בייא אַלעם דעם וואַגען זייא זיך ניט צוא בעסערן דעם זאַרגאַן פון אונזערע ווייבערשע סידורים. דען זייא וואַרען שוין אָפּגעשרעקט דורך

דיא



דיא ערסטע פראַגע וואָס וואַר פאַרזוכט מיט דעם ערשטען מהייל (אין אַגעוויסען דרוק) פון דעם קרבן מנחה סידור. דיא פרויען ווילין עס ניט קויפען ווייל עס פעלט זייא דאָרט דיא אַלטע גרייזען. דיא יאַטקעווע גאַס שפּראַכע. דיא בויצעריא וואָס איז שוין בייא זייא פערהייליגט געוואָרין וויא אַלע אַלטע סלענדעריאַנען*) און מישען אַריין אין מאַנעשע שול אום שבת חזן אַלס זייא לייענען דיא הפטרה (ודם פרים ועתודים לא הפצתי) און קיין בעק וויל איך ניט:

?

נון מיינע טייערע לעזערין ווען אַזוי שלים איז עס בעשטעלט מיט אייך פרויען זעלבסט אין אייערע רעליגיאָנס זאַכען וואָס מיר האַבען נאָך אונטער אונז איינע גרויסע קלאַסע גייסטליכע (דוחאָווניע) און דער צו נאָך וויא דיא וואַרהייט צו זאָגין גרויסע קענער אין זייער זאַכע. אַלזוי וויא ווייט שלימער מוז עס שטיין מיט דער עטהיג (זיטען לעהרע אָדער מיט דער לעהרע וויא צו בענעמען זיך מיט מענטשען) פאַר אייך פרויען. וואָס מיר האַבען נאָך ניט איין עטהיקער (זיטענלעהרער) דער ווילע אונטער אונז וואָס זאָל דאַריבער שרייבען א"נ וואָס זאָל אים ניט פעלין אַן איינעם גוטען ווילין עס צו שרייבען. און געזאָגט (פּאַלאַזים) ווען עס איז שוין יאָ דאָ אַזוי איינער. דאַרף עס אויך ניט טאָן בייא זיינעם וויסין דאָס ער וועט אין זיינע חבורים פּריידיגען פאַר טויבע אויערין. ער וועט שרייען וויא איין אָדלער אין דער וויסטע. ווייל אונזערע פרויען האַבען נאָך קיין אויער און קיין געפיהל

IF THE SITUATION IS SO BAD ON THE RELIGIOUS FRONT, IT'S EVEN WORSE ON THE ETHICAL FRONT!

פאר

*) עס איז דיזעם צו פערגלייכען בענאַהע צו דיא מיסט פון איינער שול וואָס דער גובערנאַטער האָט געהייסען אַרויס וואַרפען פון איר אַלס ער האָט איר בעזוכט, דאָס מען האָט עס באַלד וויא ער איז אַבגעפאַרין צוריק אַריין געגנבת, ווייל מען האַלט עס דאָרט אויך פאַר הייליג, עס איז געקנאָטין אויף אידעשע טרעהרין" האַבין דיא אַלטע לייט געזאָגט:

NB

פאר די רויע מוראל (זיטענלעהרע). זייא ווילין נור וואונדער הערען. נסים נפלאות. צו וואהרע צו ליגענהאפטע. פאר זייא איז אהרן די געשיכטע פון דעם יוסף דילעריינע וויא ער האט גיפירט דעם סאם אויף אקייט. אדער פערנויט די שמאכטעס וויא אליהו איז גיקומען אלס איין אלטער מאן צו איין ישובישען מנין וואס האט דארט גיפעלט ערב יום כפור איינעם צו צעהען. אין גאר פאר נויט איז רעכט אויך די באבע מעשה מיט דעם פלעקהונט. מיט דעם פערד דרענדזעל דעם שוועדיל פאמיליע. און מיט דער שיינע פרינצעסען דרעזינע. און אמאל גלאט א מעשה כיט אחתן מיט א כלה:

דיזע טרויעריגע בעמערקונג מיינע טייערע לעזערין גינג מיר טיף אין הערצען. און האב מיך בעשלאסין צו בענוצען גראדע דיזע שוואכהייט (פעהלער) זייערע (צו זיין גענייגט נור צו מעשיות) צו זייערעם וואהל (לטובתם) צו פערפאסען פאר זייא ספורים (ערציילונגען) און אריין בראקין צו גלייך אין זייא פיל פון דער עטהיק (זיטען לעהרע). און עס איז מיר גאט זייא דאנק זייער געלונגען (געגליקט). דען מיינע געשיכטען ווערין פלייסיג גילעזין און ווירקין זייער גוט. עס זיינען שוין איניגע הונדערט סארטין (מינים) ארויס פון מיינער פעדער מיט גאטעס הילף און יעדערע בעזונדער האט איין אנדערע ציל. זעלבסט יעדער ווין. יעדעס גלייך ווערטעל בעלעהרענט וואס ניצליכעס. איך ווייס דאס א גרויסר טהייל פון די לעזער ווערין ניט ערגרינדען דעם ווארען זין דער פון. און ווערין עס אפ לעזין נור צום צייט פערטרייב וויא איינע בבא מעשה. און ווערין נאך דער צוא פעראכטען דעם שרייבין. ווערין אים ארופין "פוסטע גאלאוואי" (גלייכווערטליך זאגער) ער איז נור מבטל דער מיט מאנכען פון לערנען. אום נור דעם גראשין צו פאר דינען. איך ווייס עס נוט און טוא עס דאך גאנץ געטראסט. דען גרעסערע לייט אלס איך זיינען ניט בעסער גיוואורין בעהאנדעלט פון "אונזער נאציאן.

זעלבסט



זעלבסט אונזערע נביאים ווארען גישאלטען פון אונז. גישלאגין: פאר די האר גירריסין. אויס גילאכט גיווארין. אין געזיכט גישפיגען. און מאנכע נאך ערמארדעט. און קען נאך דער צו זאגין מיט שטאלץ. דאס איך לעב ניט דער פון און איך וואלט געלונגט גיווארין צעהען מאל מעהר ווען איך וואלט די צייט אויף וואס איינטרעגליכערעס אלס אויף געשיכטען שרייבין פאר בראכט. איך טוא עס אבער נור אויס ליבע צו מיינער נאציאן וואס דער גרעסטע טהייל פון זייא פערשטייען ניט וויא ווייט זייא זיינען ארויס גערוקט פון דעם לעבענס גלייז (קאלייע). און אונזער לאגע בכלל. וויא מיר לעבין שלעכט און וויא מיר זעהען אויס אין דיזער ליכטיגע צייט ביי א ציוויליזירטע פעלקער. און זעלבסט דא אין אונזער גרויסע רוסלאנד. מיר גייען אריבער דעם לעבענס שטראם מיט לעבענס גיפאר וויא איינער גייט אריבער איינעם רייסענדען פלוס איבער די קריעות. ניין און ניינציג ווערין דער טרונקען איינער קוים אהונדערטער רעטעט זיין נאקעטען לעבין. קורץ גיזאגט אונזער לאגע איז אין דיזער צייט פיל מעהר קריטישער (שלימער) אלס ביז הער. טויזענדע בלוטיגע גזירות האבין אונז ניט גיקענט אזוי פיל אונטער דריקען אלס פאראדאק און ציוויליזאציע וואס ווערט פון טאג צו טאג פעסטער און זאלידער (דויערהאפטער) אין אונזערע לענדער. מיר מוזען מיט ווילענדיג פיל ווייטער אין דער גרויסער וועלט אריין טרעטין אלס אונזערע עלטערין. און דאהער מוזין מיר איר (די וועלט) בעסער קענען. אום צו ווערען געליטען פון אונזערע מיט מענשען (קריסטין) וואס שטייגען אונז איבער אין דיזע צייטען אין דער ציוויליזאציע. אין פאראדאק. און וואס ווערין אונזערע קאנקורענטען אין אלע גישעפטען. און דאס די געזעצע (זאקאנעס) ווערין זאלידער פון טאג צו טאג. דאס יעדער פון אונז מוז שוין שטיין אין איינעם רעכטען (גראדען) פערקעהר מיט

דער

EDUCATION TO BE ACCEPTED BY THE GOYIM & TO COMPETE WITH THEM.

דער רעגירונג. און יענע צייט וואס איינער פון אונז (אשתדלן) האט מוציא געווען דעם גאנצען אידעשען עולם מיט פויליש איזט שוין פאר איבער. און אונזערע פארצייטיגע השלמה איזט אין גאנצען איינע אונגילטיגע וואארע געווארין. אויף אלע דיזע ווארהייטען צוא קומען מוז מען וועלטליכע שריפטען (חבורים) לעזען. זורנאלין. צייטונגען. און דיזע זיינען גראדע פערשלאסין פאר דער גרעסטען טהייל פון אונזער נאציאן. דען זייא פערשטייען קיין שפראכע. זעלבסט דער מגיד איז אויך אונפערשטענדליך פאר זייא. און שונא ציון וואס זאגט ער, און ווער האלט אים. דרייא שטעט בשותפות איינעם. אלזוא האלט איך עס פאר אגרויסען חסד צו ריידען דער פון אין פערשיידענע ספורים. און נאך מעהר חסד איז פון דעם וועלט דרוק ראבם וואס זייא ווילין עס דרוקין. דען תחנות דרוקין זיינען פיל איינטרעגליכער אלס ערציילונגען וואס ווערין גינומען אויף גייך געלט. געליהען און דאס גלייכען: RUM

נון מיינע טייערע לעזערין. איך האב מיך דא צו פיל פעררעט. און דאך נאך גאנץ ווינציג. ביי אלעם דעם גאנץ גינוג פאר איינע פארריידע צו איינער ערציילונג. וואס האט פאסירט אין דער צייט פון דעם אונטער גאנג פון פוילין, וואס איזט העכסט אינטערעסאנט און העכסט ניצליך. אוס צו וויסען און צו פערגלייכען אונזער דאמאליגען שטאנד צו אונזער יעצטיגען שטאנד. וואס דיזעס איזט איינע וואהרע קאנטראסט אין לעבין. דער ביי קומט פאר פילע וועלט קענטניסע, און פילע כענגעל וואס מיר האבין נאך אין אונז פון יענע צייטען וואס עס דארף ארויס גיטריבערט ווערין פון אונז ווי איין קרעבס פון איינער ברוסט. זאנסט וועט עס אונז בעהיטע גאט גאנץ פערצערן אין דיזע צייטען. זיא (דיא געשיכטע) איזט איינע איבער זעצונג פון טייטש. עס קומט אין איר פאר

וויא



וויא ער זעלבסט דער העלד פון דיזער געשיכטע*) דער ציילט איר פאר זיינע קינדער אין דעם זיבציגסטען געבורטס טאג זיינעם. מיר האבין איר אבער פערקירצט:

---

*) יעדער פערזאן וואס שפילט דיא גרעסטע ראלע אין איינער ערציילונג ווערט אן גירופין דער העלד פון דיזער געשיכטע, לםשל אין דער געשיכטע פון מכירת יוסף, איזט יוסף דער העלד פון דיזער געשיכטע, און שאול איזט דער העלד פון דער געשיכטע „מלוכת שאול":

THIS STORY AS WELL AS MANY "ANTHROPOLOGICAL" REPORTAGES ([illegible]) PAINT A GRUESOME PICTURE OF THE PAST AS AN EXPLICIT COMPARISON TO THE PRESENT CONDITION OF JEWRY. SIMILARLY, מלכה אין הגדה & TALES OF PERSECUTION.

## 1.

**איינע קליינע בעקאנט מאכונג אונזערע טייערע לעזערינען מיט דעם הערען טאביאס וואס איזט דער העלד פון אונזערער געשיכטע, אונ צו גלייך מיט זיינער פאמיליע אונ וואוינונג:**

מיט אייאר דרייסיג צוריק דאס הייסט אין דעם יאהר 1845 וואר ביי איינעם גרויסין קאנטאריסט זייער הויך געפייערט אונ חנוכה אין דער נאכט פון דער אכטע ליכטעל איין געבורטס טאג. דער העלד פון דיזען פעסט (יום טוב) וואר קיין אנדערער אלס דער קאנטאריסט זעלבסט. הער טאביאס מאזער וואס האט זיך שוין מעהר אלס צוואנציג יאר עטאבעלירט (בעזעצט) אין דאנציג. אונ האט זיך דארט העכסט בערייכערט. אונ האט אין דיזען אבענד גיפייערט זייער הויך זיין זיבעציגסטען געבורטס טאג (שבעים מאלצייט) אין דעם קרייז פון זיינער פאמיליע אונ קינדער. זין, טעכטער, איינינקליך, אונ פילע גוטע פריינד אונ עס ווארען דער ביי אויך מאנכע ארעמע (וואס זיינען קיינע בעטלער פון פראפעסיאן) אויך גילאדען:

דיזער טאביאס וואר צוואר איין צוויליזירטער (געבילדעטער) מענטש. ביי אלעם דעם וואר ער איין פרומער יודע. איין גאטס ערגעבענער מאן. קיין פאנאטיקער. קיין אבערגלויבישער מענטש. אבער איין רעכט גלויביגער יודע. ער האט נור דאס ניצליכע פון דער נייע וועלט אנגינומען. אבער ניט אירע מאדען אונ דיא עטיקעטען אירע. אונ האט אלזוי אין דיזעם גייסט (זינען) ערצויגין אויך זיינע קינדער. אונ דאהער וואר ביי איס

דיזער



דיזער אווענד אין פיל בעסערעס צו גיבראכט גיווארין אלס ביי אנדער. אין קארטענשפילין. אין טענץ. אונ אין וויסטע גישפרעכע. ניין ער האט דיזען אבענד בענוצט צו איינעם בעסערען צוועק וואס האט צו גלייך דיא געזעלענשאפט אמוזירט (פערגעניגט) פיל מער אלס פראפעראנס אונ איינע רוישענדע קאנצערט. ער האט זייא דער ציילט אין דיזען אבענד זיין לעבענס געשיכטע וואס האט זייא אלמען אזוי וייט אינטערעסירט דאס זייא האבין גאר ניט געשפירט וויא דיזער גרוישער אווענד איז זיך פערלאפין. דען דיזער ערצייהלונג וואר גיווירצט מיט וויץ מיט מוראל (מוסר) מיט וועלט קענטניסע. מיט היסטאריע וואס בעריהרט דאס לעבין פון אונזער נאציאן אלס זייא ווארען נאך אונטער פוילין. וואס מיר האבין אונטער זייערע לידערליכע (ראספוסטנע) רעגירונג אונז פיל מער פערשליסעט אלס אונזערע איבעריגע ברידער וואס האבין גילעבט אונטער אנדערע מלוכות. דאס מיר זיינען געבליבין איין שרעק בילד (שטראשידלע) אין אלע ציוויליזירטע לענדער פון אראפא. דער נאמען פוילישער יודע אליין מאכט אונז שוין פערהאכט ביי אלע נאציאנען. אונ פילייכט ניט מיט אונרעכט. דען וויא דיא ווארהייט צו זאגין מיר זיינען ניט צייט גיבעבענע (סאווערעמיענע) מענטשען. מיר פאסען ניט פאר היינטיגען יאר הונדערט. פאר אונז פוילישע יודען האט דיא צייט פערלארין איהרע רעכענונג. דאס מיר פאסען מער פאר דיא פערגאנגענהייט (עבר) אלס פאר דיא איצטיגע צייט. אונ דיזעם לאזט זיך זייא לייכט ערקלערין. מיר האבין גאנצע אכט הונדערט יאר וואס מיר האבין גילעבט אונטער דיא פוילין גישלאפין איין לעטהארגישען (הינער פלעטישען) שלאף. דאס מיר האבין ניט גיוואוקסט פון דער וועלט אונ דיא וועלט ניט פון אונז. מיר זיינען גיבליבין אן וועלט קענטניסע. אן חכמה. אן מלאכה. אן איין עהרען געפיהל. אונ אהנע מטה. נור זייא (דיא פוילען) האבין גימאכט פון אונז נור שיינקערלעך.

OUR BACKWARDNESS A PRODUCT OF POLISH RULE

פאקטורים

פאקטורים. סאטער יודען (דאס הייסט קליין הענדלער) קארעבעלניקעס. זייא האבין אונז פערזונקען אין אטיפען שטויץ וואס מיר קענען אונז נאך עד היום ניט ריין וואשען פון אים. נון וועלין אונז דא אין דיזע ערציילונג זייער פיל בילדער דער פון (אבראזעצען) אויפטייכען (ארויף שווימען). אונ דאהער האב איך גיפונען פאר העכסט נוצליך עס איבער צוא זעצען. אונ פערקירצען. אום דיר שוין פון לאנג אין בעקאנטע אורזאך:

נון וועלין מיר דא ווערין איצונד גאנץ אהר (דאס הייסט אין שטעלין דעם אויער) אוים צו הערין דיזע ערציילונג גלייך וויא מיר וואלטען אים זעלבסט הערען ערציילענד דארט בייא דעם טיש:

## 2.

### „דער טאביאס דער ציילט פון זיינער קינדהייט"

„הערט מיינע ליבען" האט זיך אפ גירופין דער טאביאס מאזער בייא דעם ערכטען טאאסט (טראנק שפרוך*) איך פייערע היינט דעם זיביציגכטען געבורטס טאג. אלזו זיינען שוין מיינע טאגע אין דיזעם לעבין גיציילט (ניט פיל). איך בעטראכטע זיך דא איצונד א נטער איך נור וויא איין אפ רייזענדער וואס זיין שעפעט איז שוין איינגיפאקט נור נאך ניט פערשפילעוועט אום צו קענען נאך מאנכע קלייניגקייט מצוה אריין צו פאקען. אונ זיצט מיט זיינער פאמיליע בייא דעם אבשיידס מאלצייט. אלזוי מיינע ליבען גיהערין מיר דיזען אבענד אין וואס ערענסטעס אונ וויכטיגעס צו פערברייגען. ערסטענס מעלדע איך אייך דאס איך האב אפגישריבין איין צוואה וועגין מיין נאכלאס (דאס הייסט



*) טראנק שפרוך הייסט דאס צווינציוען בשעת מע טרינקט דעם ערכטען קעלעסאק וויין בייא איינעם געבורטס טאג:



מיין פערמעגען וואס איך וועל לאזין נאך מיר) אום איר זאלט איך ניט דארפין פראצעסירען נאך מיינעם טויט אונ ווערין אייך פיינדע אונטער איינאנדער וויא דער פאל איזט בייא אונזערע פוילישע יודין. איך האב אין דער צוואה נימאנד געקירצט אונ נימאנד פערגעסען. איך האב פערזארגט אייער מוטער. דאס זיא זאל ניט דארפין אנקומען צוא איינעם פון אייך. דען איך וויל איהרע עהרע ניכאנדען פון אייך אנטרויען. דען וואס נאך פאלט בייא אונז צו לאכט וויא איינע פערשפעטיקטע שווינגער בייא איינער שנור וואס איז אטאכטער פון אפוילישען יודען. אונ דיזע זיינען אייערע אלע פרויען:

צווייטענס וויל איך אייך דער ציילין מיין לעבענס געשיכטע וואס עס האט פאסירט מיט מיר פון מיינער צארטעסטע קינדהייט ביז איצונד. זיא איזט העכסט לעהרייך זיא וועט אייך זיין אין ליכט אויף דעם לעבענס וואנדעל וואס איזט פול מיט דערנער. מיט רייסענדע שטראמע. מיט שטיילע (גרוטעע) בערג אונ טיפע אבגרונדע. איר וועט לערנען פון איר דיא געטליכע פארזעהונג (השגחה). נאטעס פורכט. אונ צוא גלייך גרויסע וועלט קענטניס. זיא וועט אייך ניצען וויא דיא ערציילונג פון איינעם רייזענדען פאר אזוי איינעם וואס דארף בערייזען דאס זעלבע לאנד וואס ער האט בערייזט. וויא דער מדרש זאגט אין קהלת א׳ אויף דעם פסוק (ראיתי כל המעשים) דאס שלמה האר גיגליכען צו איינעם אלטען מאן וואס זיצט בייא איינעם שיידעוועג וואס ווארען פאר אים צווייא וועגין. איין וועג האט אוים גיזען פון פארענט זייער גראדע אונ גלאט נאכהער האט זיך אוים גילאזין דאס זיא איז פול מיט דערנער. מיט קארצענס אין העכסט שטייניג. דער אנדערע וועג וואר גראדע דער היפך דער פון. דער אנפאנג זיינער האט אוים גיזעהען גאנץ גיקארצעוועט. שטייניג, פערוואקסען מיט דערנער. באלד נאכהער אבער וואר ער גראדע אונ גלאט. אונ דיזער אלטער

ווארענט יעדען רייזענדען דאס ער זאל זיך ניט לאזין בעטריגען פון דעם ערסטען שיין. אזו האט דיא וועלט פיל צו דאנקען דעם שלמה וואס ער האט דיא וועלט זייער גוט פראקטעצירט אונ ווארענט יעדען מענטשען. דאס דיא וועלט איז דער היפך פון דעם וואס זיא שיינט יעדען:

איר וועט וויסין וואס צו ווייהלין אין אייער לעבין אונ וואס צו פעראכטען. קורץ גיזאגט איך וועל אייך דא איצונד אוועק געבין אזוי איינע זאך וואס איז פיל וויכטיגער אלס מיין אייגענס וואס איך וועל אייך איבער לאזין. דאס איז דיא ערפאהרונג פון זיבציג יאהר וואס מען ער קויפט עס נור מיט געזונד מיט גוט אונ בלוט:

איך בין גיבארין אין דעם יאר 1775. אין איינער פוילישע אדער ליטהוויעשע שטאט מעזריץ וואס איז דאן נאך גישטאנען אונטער דיא פוילישע רעגירונג. מיינע עלטערין ווארען העכסט ארעם. מיינע מוטער גידיינק איך ניט. דען זיא איז מיר אב גישטארבין אין מיינעם דריטען יאר. זיא האט גיהייסין נחמה. מיין פאטער האט גיהייסין ר׳ ראובן בעל פועל. דען ער איז גיוועזן אגוטער מלמד. ער וואר איין הויכער אידעל מיט אנגעלע אונ צווייא שפיציגע בערדעל. אונ וואר איין ענערגישער (פייעריגער) מענטש. ער האט גיקענט זייער גוט לערנען. אחרי. מען פלעגט אים געברויכען זייער אפט צו פערהערין חתנים. אין בייא אלעם דעם וואר ער איין גרויסער אביון. דער ער וואר בעשאטען מיט קינדער. זעקס מיידלעך אונ פיר אינגלעך. אג מיר אלע ווארען אונטער זיך גרויסע שונאים. ווייל מיר ווארען בענאהע יעדער בעזונדער פון איינע אנדערע מוטער. ער האט וויא איך ווייס בודאי מעהר אלס צעהן מאל חתונה גיהאט. דיא ערסטע פיר האט ער אפ גיגט. דיא אורזאך דער פון ווי ער האט מיר זעלבסט דער ציילט כמה מאל אום אנצופייערן מיך צום לערנען. וואר נור ווייל ער איז גיוועזן איין וואויל

אינגעל



אינגעל. לעהרען מיין קינד זייער פלייסיג. פלעגט ער מיר זייער אפט צו זאגין. דען דער אינגעל וואס קען נור גוט לערנען האט אויף זיך זייער פיל בעלאנים. אלס איך וואר אקינד פון איאר צעהן האט מען מיך שוין אויס גיתאפט. אין מיינעם צוועלפטען יאהר וואר איך שוין אבאלעבעסעלע. אונ מיינע שוויגער עלטערן האבין זיך מיט מיר גיצאצקעט. נון פערשטייט זיך האט מען מיך ניט פערגונען זייא. האט מען מיינעם פאטער גיגעבין געלט אונ אנגירעט אים דאס ער זאל זעהן צו מאכען אגט. מיין פאטער וואס האט זיך ארום גיזעהן דאס ער האט מיך ווירקליך פערנארט דאס דיא שוויגער עלטערן זיינען פראסטע מענטשען אונ דיא ווייבעל איז עפעס אשטיק עלענאנטקע. אונ דער צו וואר ער איין גוטער דין תורהניק. האט ער מיך באלד אפגיגט אונ האט מיך פערהאנדעלט צוא איינעם אנדערען. אונ אזוי בין איך גיגאנגען פון האנד אין האנד וויא אגוטע שטיקעל סחורה. ביז מיינעם צוואנציגסטען יאר האב איך מיט דער הילפע פון מיינעם פאטער שוין דרייא ווייבער אפ גיגט. דיא פערטע האב איך שוין אליין אפ גיגט. דען איך וואר שוין געניט. אלזו זעהסט דוא מיין קינד וויא לערנען איז איינע גילטיגע זאך:

דיא איבעריגע פרויען האבין אויך קיין טון זאלץ אויפגיגעסען בייא אים. ער האט זיא צוואר שוין ניט גיגט. ווייל ער האט שוין אויפגיהערט אזוי גילטיג צו זיין. ווייל מען האט איינגיזעהן דאס זיינע חריפות האט אים גיפירט נור צו מלמדות. זייא זיינען אויס גישטארבין בייא אים אטייל פון דהקות. אטייל פון גרייזאטע. דען ער פלעגט זייא פערגריזען ווייל עס וואר טאג אונ נאכט צאנק איבער דיא שטיפקינדער. איבער דעם גרויסען מאנגעל וואס וואר בייא אים אין שטוב. דען עס וואר וויא תורה וואר אויך דאן העכסט טייער זייער שלעכט גיצאלט שכר לימוד. מיט שרעקין דער מאן איך מיך אן דיא צייט פון מיינעם זיין בייא מיינעם פאטער אין שטוב. נאך נעלען (קלינגען) אין מיינע

אויערן

אויערין דיא געשרייען. דער געיאמער פון דיא חדר קינדער דארט בייא אים אין שטוב און זיין לארעמען און רייסען זיך דיא קעל זיינע וויא טאג און נאכט מיט זייא. און נאך עקעלט מיך אין דער שמוץ וואס וואר דארטן. דען דיא שטוב וואר אן אפאדלאנע. און בייא אלעם דעם וואר מען נאך צו שטאלץ אוועק צו געבין אטאכטער פאר איין בעל מלאכה און בפשיטא שוין צו דינען. פון נייען. פון שפינען וואר קיין רייד. עס וואר נור געשפילט אין צייכען. געזונגען אידעשע לידעליך אדער גאר געוויינט. דען זייא (דיא שוועסטער) זייא פלעגען זייער פיל אויס ליידען פון דיא שטיפמוטערם. און אזו אויך פון דעם פאטער זעלבסט אלם ער פלעגט ווערין גוט מיט דער ווייב וואס דיזעם פלעגט צו טרעפען נור אפאר טעג אין יעדען חודש. און דאן וואר קלעפ און קללות דארט פון טאגעסארדענונג. איך בעליידיגע ניט דער מיט מיינעם פאטער. נייז, דען ניט בעסער איז דאן צו גיואנגען אין יעדעם הויז. דען אונזערע פוילישע יודין ווארען דאן פיל לייכט נאך יעצט האלב ווילד. העכסט פויל. און דאהער ארעם איבער דיא מאסען. זייא ווארען נור קליין הענדלער קאראבעלניקעס, שיינקערליך, און דאס אויך ווארען עס קוים צעהען פראצענט פון זייערע דארטיגע בעפעלקערונג. און ניינציג פראצענט ווארען הוילע בעטלער אונטער פערשיידענע פארמען און טיטולען וואס זייא און זייערע קינדער האבין גיגעסין ניט בייא פרעמדע טישען. טראץ דעם וואס עס איז גיוועזן דאן זייער לייכט צו פערדינען און דער זול וואר גרויס איבער דיא מאסען נימאנד האט אבער ניט גיוואלט איין פינגער איינבייגין צו מאכין וואס. און גראדע דיזער גרויסער זול און דער צווא נאך דער פרייא געביקייט פון דיא ישובים האט פערמעהרט דעם בעטעלשטאנד איבער דיא מאסען. און דורך דעם ווארען אונזערע יודין דאן אזוי ארעם דארט דאס זייא ווארען ניט אין שטאנד בעצאלין איין האלבין גילדין פאדאטקעס איאר. דיזע בעטלער

אלע

ECO. THEORY



אלע האבין זיך איינגעניסטעט (איינגענאזדעט) אין פערשיידענע פאלטען (פאלבען) פון דער רעליגיאן וויא לייז אין דיא פאלבען פון איינעם העמדע. וואס מוז געוויבערט (נעפרודזעט ווערען) ערסט דורך איינער אונאויסשטייהליכע היץ. דען עס וואר דאן געשטעלט אלץ אונטער דיא פירמע (נאמען) פון דער רעליגיאן. עס ווארען זייערע הונדערט סארטען. און יעדער סארט איז זיך פערקראכען אין איינער אנדערע פאלטע (פאלב) פון איר:

אטייל ווארען אומפארענדע מגידים, דרשנים, ספדנים, אלעווע בעל דרשנים, אטייל מוכרי ספרים, בעלי מגיהים, סופרים, פרושים, ארעמע לומדים, ארעמע בחורים, גלות אפריטער, מחברים, משולחים פון ישיבות, פון ארץ ישראל, גלאט ארץ ישראל אידין, און דיא וואס קלייבין זיך ערסט צו פארין קיין ארץ ישראל, ירושלמית עכטע און עכטע, זכות קלייבער אויף שולין, אויף בתי מדרשים, אויף פדיון שבוים, פאלשע גרים און גרקעס, בעלי שמות, גלגולים, נופלדיקע ענונות, נשרפים, חזנים, אטייל פיעתאטץ, אטייל קאניע, היינט גלאט עניים הגונים, יורדים, בורחים (אנטלאפענע) וואס קענען זיך ניט אומקערין צוריק אהיים. ווייטער דעם ווארען זייער פיל יונגע לייט וואס זיינען אנטלאפין פון זייערע ווייבער. אויך פלעגין דאן אום צו פארין פרומע ווייבער וואס זיינען קלאר אין דער ש״ס תחנות און אין מנורת המאור אום צו שטראפען דעם עולם אויף דיא שטיל הויפען*) און גלאט שלעפארעס גאנצע הערדען (שטאדעס) תאלאסטרעס

פון

*) איך האב נאך אין מיינע קינדעשע יארין דער וויסט איינע פרויא איך וואר דאן אלט קוים פינף יאר, און נאך זיא פאר מיינע אויגין וויא זיא האט גילעבט און געלייבט, איז גישטאנען לעבין דער טיר פון דער שולכעל מהזביר ר׳ מיט אראפ גילאזענע אויגין, מיט איינע לאנגע שנופטוך

פון הונדערט פערזאן ווייבער און קינדער פלעגין אום צו שלעפען זיך ווי דיא ציגיינער פון דארף צום דארף. פון שטאדט צוא שטאדט. פון ישוב צום ישוב. אפגעריסען. אפגעשליסען. דיזע אלע האבין זיך גינערט פון בעטלער ברויט. האבין קיין מאל ניט גינאסין איין איינגענעם ביסען. און זעלבסט יענע וואס האבין שוין גיהאט עפעס אנאמען אדער איין אויס זעהען פון רעכטע בעלי בתים. אפילו בעלי מחיות האבין זיך זייערע איינגלעך און זעלבסט זייערע איידימס זיך גיוועלגערט אין אנדערע שטעדט אויף פרעמדע טישען. אלזוי איז איך כיינע ליבען שוין זייער לייכט צו פערשטיין דאס פון אזעלכע אונערצויגענע קינדער מוזען ארויס קומען אונערצויגענע מענטשען. און דאהער איזט מיינעם פאטער ניט צו פערדיינקען דאס ער האט קיין אויסנאהמע גימאכט און איז גיווארין וויא איינער פון זייא. האט זיך גאנץ וויינינ בעקימערט אום זיינע קינדער וויא אלע אנדערע. מיינע עלטערע דרייא ברידער ווארען שוין לאנג גיוועזען פעריאגט פון זיין שטוב. איך וואר נאך צו יונג דאן. דער צו נאך איין שוועכלינג. דאך האט ער גיציילט שוין דיא מינוטען דאס ער זאל פון מיר שוין אויך פטור ווערין. און איז מיט דער צייט ווירקליך פטור גיווארין פון מיר וויא איך וועל דא באלד דער ציילען. ניט אזוי אבער פון מיינע שוועסטער וואס זייען אים גישטאנען וויא איין דארין אין וועג. אוועק שיקען האט ער ניט גיהאט וואו. התהונה כאבען זייא האט ער ניט גיהאט מיט וועמען. דען זעלבסט דער ערגסטער ארום בחור וועט דאך ניט וועלין טאן אם וויינינגסטען אן קעסט. און קעסט האט ער ניט גיקענט צו זאגין ניט

---

אין דער לינקע האנט און האט גישטראפט דעם עולם וואס זיינען גישטאנען אין איינעם האלב קרייז ארום איר, דאס איז גיוועזין אין איינעם זומערדיקען שבת נאך האלבין טאג, איך גידיינק עס וויא היינט.



ניט אשעה. ערסטענס וויל ער האט ניט גיהאט. צווייטענס וואלט עס אשטיף מוטער ניט צו לאזין. צוואר וואר אונטער דעם וואָרט קעסט גימיינט מער ניט וויא איין רגל (דאס הייסט איין פסח איין סוכות). דען אנאנץ יאר פלעגען זיך דיא איידעמס וואלגערין אויף פרעמדע טישען. דיזעם אבער וואר אים אויך צו שווער און דאהער קיין וואונדער דאס ער האט זיך קוים גיקענט פאסען אויס פריידע (זיך איינהאלטען פון צו פרייען). אלס צווייא פון זייא זיינען זיך אוועק גישטארבין אין איינעם יאר. גיווים פון דחקות און פון קלעפ. דען דער מיט ווארען זייא גיטראקטירט טאג טעגליך. און זייא זיינען אים גישטארבין צו דער שטיפמוטער צייט אלס ער איז איין אלמן גיווארין און האט זיך גישלייערט צו נעהמען איין זיבענטע אדער איינע אכטע. ביז מיינעם צוועלפטען יאר האבין זיך געביטען ביי מיר דרייא שטיפמוטערס. און ביי יעדען פערעמען פלעג איך צוא ווערען איין נעלם. דען ער פלעגט מיך פערלייקענען פאר דיא נייע שטיפמוטער אויף עטליכע וואכען וואס איך פלעג מוזען זיך בעהאלטען אין בית המדרש און הונגערען וויא אהינטעל. און דער נאך צייגען איך מיך אריין ווייזען אין שטוב עפעס וויא איין שטיקעל אנטלאפענער באנד:

אין מיינעם דרייצעהנטען יאר האט זיך דעם פאטער קיין גילונג גימאכט אין שטאט. איז ער גיווארין איין דרשן וואס פארט איבער דער מדינה. אינ דאן האט ער מיך אוועק געשיקט קיין קאליש צו מיין מוטערס אברודער וואס האט דארט גיוואוינט און האט זיך גיהערט פאר איין גרויסען באלעבאס און וויא אויך מיר דאס וואר מיר לייד דאס שיידען פון מיינע עלטערע שוועסטער וואס זייטען וויים פלעגען מיר אויסריידען אונזערע שווערע הערצער פאר איינאנדער. ביי אלעם דעם וואר איך דאך העכסט פרעהליך (פרייליך) דאס איך ווער לויז פון מיינעם פאטער וואס ער האט מיר געניגער גיטאן וואס פיר מיך אלס איר מיינע ליבען האבין

גיטאן

THE BEGGARS AT WORK



גיטאן פיר אים און אזוי ער האט זיך פיל ווייניגער געקימערט אום מיין אפציהען פון זיין הויז אלס אום דעם פערלויפען זיך פון אקליין הינדעל פון קאטוך. ער האט מיך אוועק געשיקט קיין קאליש ניט אויף פאצט. ניט אויף אפור. נור מיט מטרופע (חאלאכטרע ארעמע שלעפארעס וואס זייער אטאמאן (אנפיהרער) ווער זיינער אבעקאנטער. און וואס האט זיינע באנדע געפירט קיין קאליש כקארעם מארש אום צו פאספייען צו קומען אהין בעצייטען אויף אנבירשע הויבצייט (חתונה). דען אין יענע צייטען האט אנבירשע האכצייט געשפילט אין דער אידעשע וועלט פיל מער ראלע אלעס איצונד איינע האכצייט פון איינער פרינצעסען. זיא האט גידויערט מער אלס פיר וואכען און האט גיקלונגען מיט אכט וואכען פריהער און אכט וואכען נאכהער. אויף דיזעם לארעם פלעגין אנציהען אהין גאנצע באנדען שנארער און שלעפארעס פון אלער האנד קלאטען וואס איך האב אייך דא שוין פריהער אויסגירעכענט. עס פלעגען צו זאמען פארין אהין כלי קודש פון אלע ארומיגע שטעט. דער צו אלע שדכנים וואס האבין נאר איין עטוואס גישפראכען דארט וועגען דעם שידוכים. אג אזוי איך פלעגין צו זאמען פארען דיא כלי זמרים און בדחנים פון פילע שטעט. און מען האט אלעמען אויפגענומען פאר גישט געסט. מען האט גיגעבין עסען און טרינקען און געלט. חתן כלה און מחותנים פלעגין נאך אזוי אנגעשיכטע צו קריינקען אייגענע מאנאטען. דען וועמעס קרעפטען ווער עס אויס צו האלטען אזא איין געטימעל. אזוי איין גרעש. און דער צו נאך ניט רש שלאפען. מער נאך פאר אלץ צו האווירען דעם קאפרים פון יעדען ארעמען קרוב. פון יעדען קליין שטעטעלשין רב. באלי האט עס זיך געפונען בעליידיגט. מען האט אים ניט אזוי נות כבוד גיוועען. און ביא אלעם דעם איז מען פון איינאנדער גיפארין יעדער מיט אגרויסען פאראיבעל. און האט בערעט דיא מחותנים בפרט נאך דיא כלי קודש און דיא בדחנים:

מיט



מיט דיזען פרייען עטאפ וואס מיין פאטער האט מיך אוועק געשיקט מיט אים אן אגראסען געלט און אן אשטיקעל ברויט. האב איך מיך אום גישלעפט גאנצע דרייא וואכען. ביז מיין קומען קיין קאליש וואס איז איין מרחק פון אמייל דרייסיג פון סעזריץ. און האב מיך גינערט וויא זייא אלע אויף דיזע רייזע פון דעם ערצוואונגענעם בעטעל ברויט. דען יעדער ישוב מאן פלעגט צו מאכען איין זויערעם געזיכט ביא אונזער ערשיינען ביא אים אין שטוב:

איין קליינעם טייל פון דיזער רייזע האבין מיר גימאכט צו פוס. דאס הייסט אויף יענע שטרעקען וואס אין דיא קרעצמעס האבען ניט גיהאלטען קיין אידען. דעם גרעסטען טהייל אבער זיינען מיר גיפארין עקסטרא פאצט. דען וויל דיא חאלאסטרע האט זיך גיאיילט אן צו ציהען בעצייטען קיין קאליש. האבין זייא אין יעדער אידעשע קרעצמע גיברויכט זייערע עקסטרע פאדאראזנע וואס האט זייא באלד פערשאפט דיא בעסטע פורין. דיזע עקסטרע פאדאראזנע ווער קיינע אנדערע וויא איינע חוי שוואנגערע ווייבעל (על פי רוב מיט איינעם גימאכטען הייכען בויך) וואס פלעגט אריין צו טרעטען אין קרעצמע צום קרעטשמען קרעכצענד און עבצענד וויא עס וואלט איר נעהמען צו קינד גיין אלזוי אויס פורכט דאס זיא זאל דא ניט נידער קומען און פערבלייבען איבער קינפעט, האט דער ישובניק און זיינע פרויא באלד גיגעבין עסען. דער ביא דיא נדבה. און האט גיכאפט וואס צ'ם גיכסטען אין דארף פינף זעקס פורען א'נ האט זייא אפ געשיקט פא קורידסקע צו איינעם אנדערען ישוב. און אויף ווינדלעך אויך גיגעבין, איין אלטען ליילעך, אהעמד. און אזוי פלעגען מיר אמאל אין איין טאג איין פליהען זעקס אכט מייל. דען דיזער מיטעל ווער פיל גילטיגער אלס הייגט איינע פאדאראזנע וואס דער שמאטריטעל מאכט דער ביא אלע פריזימקעס:

THE PHONEY PREGNANT WOMAN

אויף

אויף דיזע רייזע וואס איך וועל איר קיין מאל פערגעסען האב איך גילערענט קענען (דאס הייסט צו ווישען דיא שרעקליכע פערדארבענהייט פון דעם אידעשען בעטלער שטאנד וואס ווער דאן אין ליטא אונ אין פוילין איבער דיא מאסען. זייא ווארען דאן אזו וויט אויסגעארטעט (פערדארבין) דאס מיט שוידערען אונ מיט איינעם עקעל זעה איך אן דיזע לייטען פון דאמאל אן. זייא זיינען אן ארעליגיאן. אן דרך ארץ. אן אנעוויסען, אן אמענטשליכען נעפיהל, אהנע ליבע צו קינדער. צו איינער פרויא, וואהרע בלוט איגלען, אדער בעסער צו זאגין שמארצען פלאנצען*) וואס האבין דאן אויס געזויגען דאס בלוט אונ מארך פון דיא דארטיגע יודען. אזוי צום בייא שפיל האב איך דאן אן גימערקט אונטער זייא. דאס זייא ווארען ניט נזהר מיט זעקס שעה ניט צו עסען מילכיגס נאך פליישיגס. ניט נזהר צו דאווענען. ניט נזהר צו זיין אפגעשידען פון דער ווייב אין איהרע וואכען. אונ אזוי אויך ניט צו זיין אפגעהיט פון דעם אנדערענס ווייב. דען עס האבין אלע גישלאפין אין איינעם. אונ ווערדעס שוין פון צו צופען אפרעמדען תפין אונ דאס גלייכען. אין וועלכע שטעטעל מען איז נור גיקומען האט מען התינה גימאכט אזעלכע פארפאלנין וואס האבין שוין זיך פערהייראטהעט אונטער איינאנדער פון כמה יאר אונ שוין כמה וכמה מאל אום צו בעקומען

געלט

*) דאס איז אזוי איינע פלאנצע (גיוועקס) וואס וואקסט ארויס פון אזוי איין קערענדעל וואס האט זיך איין גיוואקסען אין איין אנדערע גיוועקס אונ זיינט אויס זיין זאפט, אונ אזו אויך ווערט אנגירופין יעדער מענטש וואס גינערט זיך אויף דעם רעכענונג איינעם אנדערען, למשל איין בעטלער, איין טצלער לעקער, איין אנזעצער, אדער אזוי גאר איין גוטער גיט יום טוב ביטער, אדער וואס נאסטירט זיך זייער אפט איין בייא איין בעקאנטען, דיזע אלע הייסען שמאראצער (אויס זייגער)



געלט פון הכנסת כלה. דער בייא האבין פרומע ווייבער צו זאמען גימאכט אויך עטליכע גילדען אונ קליידער שטיקען אונ פלעגען נאך צו מאנצען אויף זייערע התונות. אונ דיא ווייטערדיגע שטעטליך האט מען ווייטער התונה גיהאט. היינט פלעגען זייא זייערע אייגענע קינדער קנייפען דאס זייא זאלין ווייגען אלס זייא האבין בעגעגענט איין רייזענדען אויף דעם וועג. דער גרעסטער טהייל ווארען גימאכט קייליקעס. גימאכטע חולי נופלים. אונ האבין גיהאט געלט. מען האט שבת גיגעבין פלעטען. אונ נאכהער איז מען גיגאנגען איבער דיא הייזער אויף צו עסען דיא רעכטענס פון דיא צאלענטען. גרויסער גאט אזוי וויט קען זיך איין מענטש פערלירען. אונ אזוי וויט וואר מען דאן אזוי אום דארט (אונ ווער ווייסט אויב נאך ניט אזוי איצונד) דאס עס וואר גירעכענט פאר איין מצוה צו פערמעהרען זייער צאל דארט אין לאנדע. אלזוי מיינע ליבען איין בעוויז. דאס איינע איבער שפאנטע טוגענד איז פיר איינע נאציאן פיל שעדליכער אלס איין גרויבער אונרעכט. ווייל פון דיזע איז זיך לייכטער אויס צו קורירען אלס פון יענע וואס האט זיך פערשטעקט אונטער דעם שירעם פון דער רעליגיאן:

3.

טאביאס דער צייילט פון זיינעם אנקומען קיין קאליש:

1788 אין דעם יאר טויזענד זיבען הונדערט אכט אונ אכציג בין איך אנגיקומען קיין קאליש. זיא וואר דאן פיל קלענער אלס היינט. דאך וואר זיא פיל גרעסער אונ שענער אלס מאזריץ. עס וואר דארט שוין דאן איינע גרויסע אידעשע געמיינדע. אונ אויך פיל לייכטעשע מענטשען אלס דארט אין מעזריץ. זייא ווארען גרעסערע הענדלער. גרויסע בעלי אכסניות אונ ווארען דארט פיל מעהר בעפריינדעטער מיט דען לאנדס לייטען אלס אנדערס וואו. זיא

וואר

וואר שוין דאן איין קרייזשטאדט (פאוויער) . און אידען האבין
דארט גיהאט פרנסה . דאך אן אבעטלער האט דארט אויך ניט
גיפעלט . זייא פלעגין צו שטרעמען אהין פון דעם ליטהויען . דען
עס וואר זייא ניט צו שווער אראפ צו פארין פון דארט אויף איין
נגידעשע חתונה . וויא איך האב אייך ערציילט :
באלד וויא איך בין גיקומען האב איך מיך דער פרעגט
נאך מיינעם פעטער . וואס מיין פאטער האט מיך געשיקט צו
אים ; און בין דארט אין שטוב גיוואר גיווארין דרייא זאכען .
ערשטענס דאס ער איז שוין קיין בעז דזעטניק . ער האט קינדער
מעהר אלס מיין פאטער . צווייטענס איז ער שוין פון איין
יאר נאך אגרויסער אביון . און דריטענס דאס ער איז ניט אין
דער היים . ער קנעלט גאר אויף איין ישוב . און דאס ער האט
בדעה צו פארין נאך פסח קיין מאזריץ אום אוים צו העלפען זיך
בייא מיינער מוטער וואס זיא איז זיינע אשוועסטער . וייל עס
איז צו הערין דאס זיא זאל זייער רייך זיין . דען ער האט ניט
גיוואוסט דאס זיא איז שוין פון כמה יאר טויט . דיזעס אלעס
בין איך גיוואר גיווארין אין איין פערטעל שעה פון זיין ווייב
וואס זיא איז שוין בייא אים אויך שוין דיא פינפטע . און האט
מיר צו גלייך גיוויזען וואו דער מייסטער צימער מאן האט גימאכט
דאס גלאך אין שטוב ; דאס הייסט דיא טיר, "איך האב גינוג מיילער
שוין אן דיך אום נאס צו מאכען אלע טאג. האט זיא מיר גיזאגט דוא
קענסט ניט איינע שטונדע בייא מיר זיין . עס איז דא אין שטאט איין
בית המדרש , עס זיינען דארט פילע דיינעם גלייכען . נון וועסט
דוא דיך אויך דארט איינפלאצירען (איין פלאץ בעקומען) . איך
בין ארוים פון איר שטוב הונגעריג וויא איך בין ארייין . און בין
אוועק אין בית המדרש אפארשמאכטער און האב מיך גיזעצט
לערנען . איך האב דער וויסט דארט פילע קינדער מיינם גלייכען .
קינדער דעם עלענדעס וואס דיא עלטערען האבין זיך אפ
גישאקעלט פון זייא . און וואס האבין גיגעסען נור טעג בייא דיא
דארטיגע



דארטיגע בעלי בתים . דער גרעסטער טהייל פון זייא וואר[ע]ן
[נ]ראבע איינגלעך וואס ווארען פיל מער ספאסאבנע צוא זיין
[ה]ענדווערקער אלס לומדים . נור אין יענער צייט האט אלעס
[ד]עם באנק גיקוועצט . דען איין בעל מלאכה צו זיין וואר
[א]יינע גרויסע שאנדע דאן דארט . און בייא אלעם דעם האט
[מ]ען קיינעם דארט גילאזט שמאכטען . און ניט שלימער איזט
[מ]יין זיך בעגאנגען מיט מיר אויך . מען האט מיך גאר ניט
[ג]עפרעגט ווער איך בין . מען האט מיך ניט פערהערט . און מען
[ה]אט באלד בעשטעלט טעג פאר מיר . און גינעכטיגט האב
איך וויא אלע אנדערע אין בית המדרש אויף איין הארטען
באנק . בייא אלעם דעם וואר מיר דא פיל בעסער אלס בייא
[מ]יינעם פאטער . דען איך וואר אימער זאט און גילעבט אין איין
[פ]יל בעסערען לאקאל אלס דארט אין מעזריץ . דען דער בית
המדרש וואר ציכטיג און ליכטיג . גרויס און ווארעם . און
[ד]ער צו נאך ניט בעקומען קיין קלאפ און קיין בייזער גיהערט
[פ]ון ווען . וואס אין דער היים וואר עס פון טאגעס ארדענונג .
[ד]אס פלעג איך בעקומען פעץ פון פאטער מיט אקללה פערביסען.
[ד]אס פלעגט מיך צו קנייפען דיא שטיפמוטער און דער צו נאך
[צ]ו פלוכען פאר וואס איך עס צו גרויסע ביסען . דיזער פאל
[ו]ואר דא ניט . גראדע אומגיקערט . בייא מיינע בעלי בתים
[פ]לעג איך אויפגינומען צו ווערין וויא איין גוטער גאסט . און
אין בית המדרש פלעג איך בעהאנדעלט ווערען זייער פריינדליך
[ד]ען וויא דיא ווארהייט צו זאגין בין איך גיוועזען אגרויסער מתמיד .
[א]ון האב גיהאט אגוטען קאפ . דער צו נאך וואר איך אגאנץ
[ש]יינער און האב מיך גאנץ ציכטיג גיהאלטען . און אלס דער
[ת]ון האט אין מיר ענטדעקט איין שיין קעלכעל מיט אזיסען
[נ]עליינק . האט ער גימאכט פון מיר אזיננעריל . און וואר שוין
[א]לזוי ניט זעדנע אין אגראסען וואס איך פלעג עס אנצווענדען
אויף שוכען און קליידען . מיט דער צייט בין איך גיווארין
בעקאנט

בעקאנט מיט דעם דארטיגען רב ר׳ שמעון פרץ וואס ער וואר אגרויסער מופלג. אונ אגרויסר חכם אונ זייער געליבט אין שטאט. מיינע בעקאנטשאפט מיט אים האט זיך אנגעהויבען דורך דעם וואס דער שמש האט מיך אריין גיציילט אונטער די צעהען ארומע בחורים וואס ער האט בעשטעלט דאס זיי זאלין גיין דאווענען צו אים אלם ער וואר ניט געזונד. אונ דא־ט האב איך שוין גיהאט איינע גוטע גילעגענהייט אויס צו צייכענען מיך פאר אים מיט מיין מקבל שבת זיין פאר דעם עמוד. דאס גלייכען מיט מיינער קריאה. נאך מער מיט מיין לערנען. אונ מיט מיינעם שיינעם בענעהמען זיך דארט אין שטוב אונ בין אים אלזוי זייער שטארק גיפעלין. אונ אין יענער צייט האט עס גיהאט פיל מער צו זאגין (צו בעדייטען) פאר איין ארום בחור. אלם דאס בעליבט זיך מאכען פון איינם סאלדאט ביי זיינעם יענעראל. אונ איך וואלט בודאי דורך דעם זייער לייכט ערהייכען (ערגרייכען) דעם דאן אזוי הויך געפריזענען אונ גאלדענען ציל צו ווערען איין אידעם ביי איינעם רייכען יושב מאן וואס פלעגט דאן דא־ט על פי רוב צו ענדען ענטפער מיט שיינקארם יונגע אדער מיט כלמדות. דער גרויסער גאט אבער האט וואס אנדערם גיוואלט מאכען פון מיר. אונ דאס איז וואס איך בין נאך יעצט איין גרויסער באנקייא. אונ דיזעם איז צוא גיגאנגען אויף איין נאר וואונדערליכען וועג. וויא איך וועל אייך ווייטער דער ציילען:

## 4.

### ר׳ הערש חייעם

אין יענער צייט האט גילעבט דארט אין קאליש איין געוויסער באלעבאס ר׳ הערש חייעם. ער וואר דאן אלט בערך איאר פינף אונ דרייסיג. ער וואר פון העכסט שיינעם אויס זעהען. אונ איז זיך ריינטליך גיגאנגען. ער וואר איין גרויסער





למדן. פרום וויא אלע אנדערע לומדים. דאך ניט פאנאטיש. דען ער וואר איין גרויסער חכם. דער צו נאך אגרויסער משכיל. ער וואר איין גרויסער בעל לשון קודש. איין גרויסער פאלאק׳. אונ זייער ווייט בעלעזען: אין טייטשעשע ביכער. זיינע פרויא חיה אדער חייקע וואס וואר מיט פינף אדער זעקס יאר איינגער פאר אים וואר איינע זייער שיינע ווייבס פערזאן אונ דער צוא איינע זייער גוט מענטש. זיי האבין זיך איינע די אנדערע העכסט געליבט. אונ גילעבט זייער גוט. זיי האבין גיהאלטען איינע מאטעריאלען בודע. וואס מען רופט עס דארט איינע אפטעקארסקע קראם. אונ האבין זייער גוט געלייזט אינ זייער גוט פערדינט. דען עס וואר דארט נאך קיין אפטעקע אין יענער צייט. אונ זיי ביידע וואר׳ען דער צו האלבע דאקטורים. זיי וואר׳ען בעפרעגט דארט פון אידען אונ פון קריסטען איבער אלערלייא קראנקהייטען. אונ צו גלייך זייערע מיטלען דער צוא געקרויכט. דען זיי האבין גיהאט אין זייער האנדעל אלער האנד קרייטער אונ גרעזער, ווארצלען, אונ זאפטען, אונ אין פאהאט (באמת) וואר׳ען זיי ביידע גרויסע פראקטוקוסען אין דיזע ענינים. בפרט ער (דער ר׳ הערש) וואס האט גיהאט איין גרויסע ידיעה אין דער בוטאניק. אונ אין דער ווייטע ארצענייא. דען ער האט דאריבער זייער פיל גילעזען אונ אויך זייער פיל פראקטעצירט. צווייא מאל אין יאר פלעגט ער צו פארין קיין האמבורג אום איין צו קויפען פערשיידענע מאטעריאלען אונ אנאנץ זומער פלעגען אלטע באבעס קלייבין אונ זאמלען פאר זיי אלער האנד זולקעם. אונ וואר׳ען אלזו בעוואוסט מיט זייער גישעפט אונ מיט זייער פראקטים אין די רונדונג פון צעהן צוועלף מייל. אונ וואר׳ען אזוי גרויסע בעלי שמעם:

צו דיזעם גוטען שטאנד האט זיי גיפעלט זאלץ אין עסען. דאס הייסט אקינד וואס אן דעם האט דאס לעבין קיין טעם. קיינע אינטערעסע קיין ציל ביי אונז אידען וואס עס פעלט אונז

WHY CAN'T JEWS ADOPT CHILDREN LIKE THE GOYIM?



דיא היילינע פאמיליען־פעראיינעגונג. אדער בונד (שוויאז) נאטע
בענע ביא דיא ליטהויעשע יודען דאס ער זאל קענען ביא
זייא איין ברודערס קינד פערטרעטען דיא שטעלע פון איין
איינענעם קינד. וויא דער פאל ביא דער קריסטענוועלט איזט
דאס מאנכער ברודער פערהייראטהעט זיך ניט אום נור צוא
פערזארגין דיא שוין געבארענע קינדער פון זיין עלטערען ברודער
וואס האט זיך שוין פריהער פערהייראטהעט ווייל ער רעכענט זייא
פאר זיינע. אונ דיזער פאל געשיהעט זעלבסט אין פירשטליכע
אונ גרעפליכע פאמיליען. דיזעס טוט ניט דארט זעלבסט
אפאטער ביא אונז יודין. ער מעג האבין צעהען קינדער פון
צעהען פרויען. אונ איז שוין אלט דאס ער שטייט שוין מיט
איין פוס אין גראב. חאפט ער נאך דאן אויך א ווייב.
פערמערט זיין אונגליקליכע פאמיליע מיט נאך אפאר יתומים.
קורץ געזאגט. וויא אויך דיזער ר' הערש וואר שוין פיל מעהר
אויפגעקלערט אלס דיא דארטיגע יודען האט ער אין דיזער זאך
קיין אויסנאהם געמאכט אונ וואר העכסט בעזארגט ווענען דעם
אונ נאך מעהר זיא וואס זייא האבין קיינע קינדער. אונ בפרט
נאך דאס זייא ביידע האבין דא קיינע פאמיליע געהאט דא אום
צו ערציהען א קינד פון זייא ביא זיך. אונ פלעגען צו שטילען דיא
דורשט נאך קינדער מיט מאנכען ארום בחור וואס פלעגט ביא
זייא צו עסען שבתים אונ ימים טובים:

נון האט זיך געמאכט דאס אלס דיזע וויכטיגע שבתי...
שטעלע איז געווארין וואקאנס (לעדיג). דען דער ארעם ב...
וואס האט איר (דיזע שטעלע) אוים געפיהלט גאנצע צוויי י...
האט התונה געהאט פון זיין שטוב. האט דער שמש איר א...
געפיהלט מיט מיר. אונ איך האב געהאט דאס גליק צו גפ...
אים פיל מער אלס אנדערע וואס האבין געגעסען ביא אים ב...
אהער. וועגין מיינער ריינטליכקייט. מיין שיינעם בענעה...
זיך ביא אים אין שטוב ביא דעם טיש. נאך מער וועגין ...

נוטען



גוטען אונ גראדען קאפף אונ מיינעם גרויסען וויס בעגיר (דאס
הייסט וואס איך האב בעגערט אלעס צו וויסען). דען וויא איך
פלעג נור אריין צו קומען ביא אים אין שטוב פלעג איך באלד
צו טרעטען צו זיינעם גרויסען ביבליאטעק אונ פלעג אריין
קוקען אין זייטיגע ספרים. אין חקירה ספרים. אין דקדוק ספרים.
אין איין מלאכת מחשבת וואס איז איבער רעכענען. אונ וואס איך
פלעג ניט פערשטיין פלעג איך ביא אים צו פרעגען אונ ער
פלעגט עס מיר מיט פריידען ערקלערען. אונ פלעגט מיר ערלויבין
אזוי נאר צו קומען צו אים אין מיטען וואך אלע טאג אום עס צו
לערנען אונ צו פרעגען. דען צו לייען ביא אים אזוי א ספר אונ
צו לערנען עס אין בית המדרש וואלט מען מיך פערברענט מיט
דעם ספר צו זאמען. ווייל מען וואר דארט העכסט פאנאטיש.
דער ר' הערש וואר געשווינט נור ווייל מען האט געזאגט דאס ער
קוקט עס צו לערנען צו זיינע אפטעקארסטווא אונ אויך האט
מען אזוי פיל ניט געוואוסט פון אים. דאס ער ליגט איבער
אזעלכע ספרים גאנצע האלבע נעכט. אונ בפרט דאס ער האט
מיט זיינע שטאט לייט ניט געווארט געשפראכען איבער השכלה:

קורץ געזאגט מיינע ליבען. איך האב מיך דער מיט
זייער ווייט בעליבט געמאכט ביא אים. דאס עס וואר אים איינע
פריידע צו זעהען דאס איך האב איין גרויסען פלייס צו דיזען
זאכען. אונ דער צוא נאך גרויסע פעהיגקייט אום צו ערלערנען
העבראיש. אונ צו דער מאטהעמאטיק. נאך מעהר פאר אלץ
בין איך אויך געפעהלען דאס איך זעה צו מאכען זיך צום
דינען ביא אים אין שטוב אזוי למשל פלעגע איך צו קומען צו
אים אין שטוב פרייטיג בעצייטען אום אן צוא רייבין חריין.
אויס צו רייניגען דיא זילבערנע לייכטער. צו גיין נאך וויין אויף
קידוש אונ הבדלה. צו זאמען שטעלען דיא ספרים אונ דיא
ביכער דארט אין זיין ביבליאטעק. אונ אמאל צוא פאלגען
מאנכעס. איך האב עס אלץ געמעגן ניט צו קומען צום טיש



וויא

וויא איין געגאַדען ברויט פרעסער (דארמעיעד) . און אזוי איז
אים העכסט געפעלען דאס איך האב אזוי פיל עהרע אים לייבע
(דרך ארץ) . אם ענדע אלם זייא האבין אין מיר דער וויסט אלע
איינגעשאפטען (מעלות) וואס זייא האבין עס געזוכט שוין פון
לאנגע צייטען אין יעדען אנדערען וואס וואר בייא זייער טיש
ביז אהער אום צו דער האלטען אים בייא זיך פיר איטער קינדעס
שטאט (אן שטאט אקינד) און האבין עס אין יענע ניט געפונען .
האבין זייא מיך אריין גענומען צו זיך אין שטוב אויף גאר אין
גאנצען . דאס הייסט צו זיין אגאנצע וואך בייא זייער טיש און
אויך צו נעכטיגען דארט . זייא האבין מיר אפ גיגעבין זייער
סוכה וואס וואר צו גלייך דארט דער ביבליאטיק . זיא וואר
צוואר קליין אבער זייער שיין . ליכטיג און ווארעם . דער
אריינגאנג אין איר וואר פון דעם עס צימער. עס וואר מיר דארט אין
אים אזוי גוט . אזוי וואויל וויא דעם פיש אין איינעם קלארע
קאלטען שטראמיגען טייכעל . דען איך האב דארט גיהאט גענוג
נעהרונג פיר דעם גייסט (נפש) וויא אין דעם עס ציסער
גענוג נאהרונג פיר דעם קערפער :

5.

איין עטוואס פון זיינעם לעבין דארט בייא דעם
ר' הערש חיי'עם :

דיזע גליקליכע ענדערונג מיט מיר איז גישעהען אום שב...
חנוכה, פרייטאג צו נאכט נאך דעם עסען . אלס ער האט מיט מ...
גילערענט חומש מיט דעם ביאור און תרגום אשכנזי פון דעם ר...
משה דעסעווער וואס וואר דאן צום ערסטען מאל געדרוקט . א...
דיא אידעשע וועלט דארט אין ליטע אין פוילען האבין ...
העכסט פערפענט (פעראכטעט) און פערקעצערט (אנגענומען פ...
אפיקורסות) . מיר אבער וואר עס אזוי ווייט גיפעלען . און א...
ווייט

פ"ג ר' שלומעלע (1870)



זייט פערגעניגט און ערלייכטעט מיינע אויגען אין פשט דאס
איך האב מיך ניט גיקענט איינהאלטען אום ניט צוא מאכען
איינע אונשולדיגע פראגע דעם ר' הערשען דאריבער . "ליבער
ר' הערש" האב איך מיך דאן אפגירופין צו אים "זאגט מיר וואס
ליגט דיא אפיקורסות וואס דיא וועלט שרייט איבער דיזען חומש .
איך האב נאך אזוי גראדעס און גרינדליכעס נאך אין קיין מפורש
אויף תורה גיזעהען . און דער צו נאך בעהיטע גאט קיינע בייזעס
אנגעמערקט אין אים . עס שטימט גראדע מאץ און טאץ
(פינקטליך) מיט די דרשות פון אונזערע חכמים." "דוא ביזט גאנץ
גירעכט מיין קינד" האט ער זיך צוא מיר אפגירופען "עס איז
ריכטיג וויא דוא זאגסט . דיא וועלט אונזערע אבער ליבט ניט
דיא גראדהייט, וויא אין וועלטליכע ענינים זעהען זייא איין פיל
מער נסים וואס גישעהען נור דורך מלאכים אדער דורך שדים
אלס דורך דעם נאטירליכען גאנג אין דער וועלט . אזוי ווילין
דיא אין יעדען פסוק געפינען אלץ אזעלכע פשטים אדער
פערטליך וואס זאלין זיין גראדע נעגען דעם גראדען פשט" און
דיא האבין זיך שוין זייערע קעפ אזוי ווייט פערדרייט דאס
זייא האבין שוין גאר קיין זין (געדאנקען) פאר וואס גראדעס .
און איך זאג דיר אין אויג דיא וואהרהייט . דאס איך זעה דיך
צום ערסטען דא אין אונזער שטאט זינד איך בין דא שוין מער
אלס צוואנציג יאר וואס זאל נאך האבין אגראדען קאפ און
אגוטען ווילין אויפצופאסען (משיג זיין) אגראדען לימוד און צוא
גלייך עס צוא וועלען . און זעה אלזוי אין דיר איין . איין
האפענונגס פאלען קינד (דאס הייסט דוא ביזט אזוי אקינד וואס
אין צו האפען נאך דאס עס זאל פון דיר איין נוציגער מענטש
ווערען) . ליידער אבער וועט עס פון דיר ניט ווערין זייענדיג
אין בית המדרש איין טעג עסער . דען בעהיטע גאט . מען זאל
גאר דאס מינדעסטע אן דיר פערשפירען דאס דוא ביזט איין
פריינד פון דעם ר' משה מענדעלזאהנס חומש . אדער דוא
האסט

האסט איינע נייגונג פאר אנדערע למודיות חוץ גמרא . ביזט
דוא ניט זיכער מיט דיינעם ברויט אונ ניט מיט דיינעם לעבין .
איך האב שוין וועגין דעם געשפראכין מיט מיינער פרויא וואס
איזט דיר אזוי גוט וויא איך . אונ עס איזט ביא אונז געבליבין
דאס מיר זאלין דיר אריין נעהמען אין גאנצען צו אונז . אונ
דאן ביזט דוא איין פרייער מענטש . דוא ניעקסט גיהערען צוא
דיר זעלבסט . ביא מיר אין שטוב קענסט דוא דיך זייער שיין
אויס בילדען . קענסט ווערען א רעכטער למדן . אונ דער צו איין
מענטש מיט שפראכקענטניסע . מיט אפעדער . מיט רעכנענען .
אונ וועקסט מיט דער צייט ווערען איין גוטער בוכהאלטער . אדער
איין גוטער גישעפטס מאן . אונ דאס גלייכען . דען וויא איך
זעה איין וועט זיך דא דיא צייט אין קורצען זייער פיל ענדערען .
עס וועט אונזער לאנד היינט מארגין אריין פאלען אונטער פרייסעשע
רעגירונג . אונ דא וועט זיין איינע ענדע מיט אלע אונזערע
אידעשע פרנסות . אונ מיט דעם זול אויך . עס וועט אויפהערען
שיינקארסטווע . כאקטארסטווע . מען וועט ווערען בעלאסטעט
מיט אפגאבין . מיט פעסער . אונ דאס גלייכען . אונ פיליכט נאך
מיט זעלנער געבין . „וואויל דעם וואס וועט זיך מאכען שפאסאבנ
(פעהיג) פיר יענע צייט וואס וועט געוויס באלד אריין טרעטען
„אונ איך וועל ווישען" האב איך מיר אפ גירופען צו איהם
„וויא אייך דאנקבאר צו זיין דער פאר . איך ווערדע פיל מער אייך
גיהערען אלס מיר זעלבסט" אונ האב איהם דר ביא איין קוש גיטא
אין האנד אונ בענעצט מיט טרעהרען . אונ דיזעס וויים איך
אונ מיינע פרויא פון זעלבסט . האט ער זיך אפ גירופען דאס דוא
וועסט אונז געוויס ניט זיין אונדאנקבאר דער פיר . צוואר
מיר האבין דער ביא נור איינע ריינע אבזיכט . מיר האבין
קיין קינד . נון ווילט זיך אונז וואס טאן פיר איין אנדערענס קינד
דאך אבער פיר אזוי איינען וואס זאל אונז אפטקיגען צייטנ
איינע קינדליכע ליבע . אונ דיזעס גלויבין מיר אין דיר צו

נעפינען

THEY ADOPT HIM OUTRIGHT



געפינען . „אונ דיזעס וועלין זייא פאר געוויס אין מיר געפינען"
האב איך איהם גיענטפערט . אונ האב איהם איין צווייטען קוש
אויפגעדריקט אויף זיינער האנד :

מיר האבין אלזוי אוועק ניפלידערט וועגען דעם ביז
האלבע נאכט . בעזאהע דאס זעלבע האט אויף מארגען
גישפראכען מיט מיר דיא מאדאם חיה . אונ האב איר פייערליך
פערשפראכען דאס זעלבע וואס איך האב פערשפראכען דעם
ר' הערש . איך האב מיך אלזוי אפגישטעלט ביא זייא פיר
אימער . אונ מיר ביידע . דאס הייסט איך אונ זייא האבין ניט
גיהאט קיינע אורזאכע צו בערייען (חרטה צו האבין) אויף דיזען
ייען בונד . זייא האבין מיך בעהאנדעלט גאנץ פאטערליך .
אונ איך זייא גאנץ קינדליך . דאס הייסט וויא איין צערטליכער
ן . איך וואר פלייסיג אין לערנען . טהעטיג אין שטוב . אין
געשעפט . דער צו נאך וואר איך דעם ר' הערשען א ן גוטער
געלעגנשאפטער אזוי אין לערנען אונ אזוי אין קאנפערסאציאנען
(אונטערהאלטונגען) . דען איך וואר דער איינציגער אין דיזער
קאט וואס ער האט זיך גיקענט מיט איהם בעשפרעכען . הן
אין דיא ענינים פון למודיות אונ הן אין וועלטליכע ענינים .
ס וואר איהם איינע פריידע צו געבין מיר אינטערריכט אין טייטש
אונ אין פויליש . אין לשון הקודש . נאך מער אין לערנען . אונ
יר וואר נאך מער פריידע עס צו ערלערנען . נאך מער אבער
ואר מיר איינע פריידע מיך ניצליך צוא מאכען אין זיינער
געשעפט . אונ האב גיהאט דער צו גוטע געלעגענהייטען . דאס
ייכט אין דיא צייטען וואס ער וואר ניט היא פלעג איך צו
ירען דיא רעכנונגען . בריף שרייבין . איינפאקען ארטיקולען אונ
דאס גלייכען אויף דער פאצט צו גיין . אונ אמאל אלס דיא חיה
אר אויספאס פלעג איך אין קראם צו שטיין אונ דורך דעם בין
איך גיווארין שוין בעניט אין אלע ארטיקלען . אונ האב זייער
יט איינגעדרונגען אין דיזען געשעפט . אונ איך וואר זייא בריא

אונ

LEARNS BOTANY



און אויפריכטיג וויא איין איינענעם קינד. און דאס גלייכען האבין זייא געפאסט איין גרויסעס צו טרויען צו מיר:

דיזער ר׳ הערש וואר איין טיכטיגער באטאניקער (דאס הייסט ער האט זייער גוט פערשטאנען איבער דיא נאטורען פון אלער האנד געוועקסע). ער האט גיהאט זייער פיל ביכער אין טייץ אין פויליש מיט בילדער (ריצינקעס) וואס האנדלען איבער דיזען טיפען לימוד. עס ווארען אין זייא אפ גימאלט אלער האנד בלומען. גרעזער. קרייטער. בליטען און פריכטע. געטריידע (תבואות). און בייא יעדע געמעלדע וואר איר בעשרייבונג. ער האט מיך אין דיזע לעהרע (לימוד) אויך איינגעוויהעט (איינגעהייליגט) און פלעגט דאהער מיט מיר צו גיין אלע מאל אום זומער פערנאכטליך שפאצירען אויף דיא פעלדער. אין דעם גרויסען שפאציר גארטען וואס דארט וואר. אום צוא צייגען מיר יעדען גראז. יעדע קרייטער אין דער נאטור. דאמיט איך זאל זייא לייכט ערקענען נאכהער אין געשעפט. ער האט מיך גילערענט צו פערשטיין זיך אויף זייערע מינים. דאס הייסט וועלכעס געוועקס פון יעדער ארט (נאטונג) איזט טענליך און וועלכע איזט ווייבליך. דען וויא אונטער בעלי חיים זייען דא זכר און נקבה אזוי אויך זיינען דא אונטער בעלי צמחים (געוויקסע). און איך האב עס אויפגעפאסט (אויפגעגריפען) מיט איינעם הייסהונגער. דאס גאנצע מאל פלעג איך אליין אוועק גיין אין וואלד. אין פעלד אדער אין שפאציר גארטען אום אויף צו זוכען פערשיידענע גאטונגען פון דיא געוועקסע. און בייא אלעם דעם פלעג איך צו זיין איין אפטערער גאסט אין בית המדרש. איך פלעג צו גיין מיט דעם ר׳ הערשען דאווענען און דער נאך גילערענט איין שיעור גמרא ווען איך האב נור צייט גיהאט. דיא גאנצע שטאט האט מיך מקנא גיוועזען דאס איך האב מיך אזוי ווייט גימאכט גיפעליג בייא דעם ר׳ הערש דאס ער האט מיך אריין גינומען צו זיך אין שטוב.

מ״ך

תורה און באטאניק!



מיך קליידעט מיך וויא איין איינענעם קינד. בייא אלעם דעם האב איך מיך גיהאלטען אין שטוב וויא איין גיבעטענער גאסט נור. און בין צו פאר גיקומען אלע זייערע ווינצע פיל מער אלס איין משרת. און גראדע דורך דעם בין איך גישטאנען בייא זייא אין גרויסער אכטונג. און נאך מעהר בייא זייער דינסט. דען איך האב מיך קיין מאל גישאפט דורך איר דאמיט עס זאל איר ניכט פאלען צו לאסט מיין זיין דארט. און נאך גראדע פערקערט איך האב איר נאך פערשפארט ארבייט אין שטוב וויא ווייט איך האב גיקענט. און האב נוטעס גישפראכען פון איר פאר דיא מאדאם און פאר דעם הערען:

קורץ גיזאגט איך וואר דארט אין שטוב גאנץ בעליבט. און עס וואר מיר זייער גוט. איך האב עס אבער גיהאלטען גאנץ בסוד פאר מיינעם פאטער דאס הייסט איך האב עס ניט געשריבין בייא מיינעם וויסען דאס וויא נור ער וועט גיוואר ווערען דאס עס גייט מיר דא גוט וועט ער מיר צוא שיקען איין ברודערעל. אדער ער וועט זעלבסט קומען און וועט מיר אלזוי דער מיט מאכען איין שטריך דורך מיינעם רעכענונג (דאס הייסט ער וואלט מיר גישטערט אין מיינע גוטע אויסזיכטען) דען דער ר׳ הערש וואלט מיר געוויס אטדאלעט דאריבער פון זיין שטוב. ווייל ער וואלט ניט וועלין ווערען צו ליב מיר איין מחותן מיט אנייעם פאק בעטלער. אלזוי דער פאטער האט צו מיר ניט געשריבין און איז זיך בעגאנגען מיט מיר וויא דער אלטער שפריכווארט זאגט ״ניע צעפייא ליכע קאלי שפיי״. און דאס זעלבע האב איך אויך גיטאן דאס הייסט איך האב ניט גישריבין צו אים. און אזוי זיינען זיך מיר דארט אין שטוב איבער גילאפין בענאהע צווייא יאר וויא איין זיסער טרוים וואס וואר גוט געדייטעט און אזוי גיקומען אין ערפיהלונג. איך בין אין דיזען קורצען משך גיווארין פיל שענער. קלינער. און גילערענטער אלס פארהער. און האב בעקומען שוין פיל

בעסערע

each man for himself!

בעסערע בעגריפע פון גאט . פון דער וועלט . און זעלבסט פון דער רעליגיאן אלס מיין פאטער . און וואר העכסט צו פרידען מיט מיין זעלבסט :

6.

איין עטוואס פון דער פוילישע רעגירונג דאן פון דעם אידעשען צו שטאנד דאן דארט . הן אין במצב הרוחני (גייסטיגען פאך) און הן במצב הגשמי (מאטעריעלען פאך) :

JEWS UNDER POLISH RULE

בעפאר איך ווערדע צוריק קערען צו מיינער ערציילונג מוז איך אייך מיינע ליבען איין עטוואס מיטטהיילען פון דער דאמאליגע רעגירונג אין פוילען און פון אונזער אידעשען צוא שטאנד דארט אין יענער צייט . ווייל דיזע ביידע זאכען האבין איין גרויסען שטיצנאכט (שייכות) צוא מיינער ווייטערדיגע ערציילונג :

אין פוילין וואר קיין ערבליכער קיניג . דאס הייסט די מלוכה וואר ניט בירושה וויא ביי אונז איצונד דאס זיא זאל איבער גיין פון פאטער צום זון . נור איין אויסגעוויילטער קיניג . דאס הייסט וויא איין קיניג איזט געשטארבין האט מען געוויילט איין קיניג נאר פון איינער אנדערע פאמיליע . און יעדער אדעליגער (שלאכציץ) האט געהאט דאס רעכט צו לאזען זיך וואטעווען (נאלקעווען) אום עס צוא זיין . אויך וואר ער קיין זעלבסט הערשער (סאמע דערזשאסציע) . יעדער שלאכציץ אדער דער שיים האט געהאט אדעה אין דער פראוולענע . דאהער קיין וואונדער דאס יעדער מאגנאט וואר אין זיינע גיטער איין קליינער דעספאט (בעהערשער) אדער באניט (באנעט) . אדער איין באנהער (דאס הייסט ער האט געהאט דאס רעכט צו האלטען איינענע זעלנער) . און האט געווירטשאפט אין זיינעם קרייז וויא דער טייוועל אין דער העללע.

וועמען

EACH PRINCE WAS A DESPOT.



וועמען ער האט געוואלט שמייסען אדער איינזעצען אין קייטען . האט ער געשמיסען (און זייער אפט ביז צום טויט) . און וועמען ער האט געוואלט איינשפארען האט ער איינגעשפערט . און האט געמאכט נארענען (ציגיוען) נאך זיינעם בעליבען און עס וואר קיין קלאגער און קיין ריכטער איבער אים . דען דער קיניג וואר איין שאטאנקיניג (אונטערכטיג) . און יעדער פון זיא האט געטאן וואס ער האט געוואלט . דער אדעל (שלאכעצטווא) וואר דאן געטהיילט אין צוויא קלאסען . הויכער אדעל . וואס דיזעס ווארען די מאגנאטען . און קליינער אדעל (מעלקי שלאכטע) . און ווייטער ווארען נור בויערען וואס ווארען פאדאנעס (לייב אייגענע) און פון איינער בירגער קלאסע וואר ניט צו זעהן און ניט צו הערען . די פרייא איינוואוינער פון די שטעט ווארען נור אירען . זייא זיינען געוועזען די אליין הענדלער אין לאנד . קיין שלאכציץ האט ניט געטארט האנדלען . און דער וואס האט געהאנדעלט האט פערלארין די שלאכעצטווא אויף אימער . און דאס גלייכען האט קיין פויער אויך ניט געטארט האנדלען . און אויב וואויל די יודען ווארען פרייא מענטשען . ביי אלעם דעם איז ער געלעגען אונטער דעם בייץ פון דעם פריץ גלייך וויא דער בויער . אלזוי וואר אין לאנדע וויא צו זאגין נור צוויא קלאסען : שמייסער און געשמיסענע . און אויב וואויל די יודין ווארען דאן ניט בעלאסטעט מיט גרויסע אבגאבין . זייא האבין געדארפט צאלין נור איין האלבען גילדין איאר קאפגעלד און ווייטער ניכט . ווארען פרייא פון רעקרוטען דאס גלייכען וואר דער האנדעל פרייא פון גילדעס די פראדאזע פון בראנפען וואר פרייא פון אקציס . פון בילעטען , האבין מער ניט געדארפט צאלין איינע קליינע ארענדע פון יעדער זאך יעדע שטאט אדער שטעטעל צו דעם מאגנאטען וואס זיא האט געהערט . און אויב וואויל עס וואר דאן אגרויסער זול דאס אפינט ברויט האט געקאסט פיל ווייניגער אלס איין גראשען . די בעסטע

פלייש

פליש פיר גראשין אפונט . פוטער אכט גראשין . אונ אזוי יעדער זאך בזולי זול . ביא אלעם דעם ווארען זייא (דיא אידען דאן העכסט ארעם . דאס נור צעהען פראצענט פון זייא האבין גיגעסען ביא איין איינענעם טיש אונ ווייטער האבין גיגעסען נור בעטעל ברויט אונטער פערשיידענע פארמען . אונ זעלבסט דיא יעניגע וואס ווארען שוין בעלי בתים האבין גילעבט זייער שלעכט . פלעגען אגאנצע וואך אין דיא קליינע שטעט אגאנץ זומער ניט פערזוכען אפליישיגע זופ . אונ זעלבסט אום ווינטער וואר איינע פליישיגע שפייזע אום דר וואכען איינע זעלטענהייט . דיא אורזאך וואר דער פון גראדע דער גרויסר זול אונ דיא איבער מעסיגע פרייהייט וואס וואר דאן דארט . דען דיזעס האט זייא ערשלאפט אונ איינגישלעפערט . גימאכט זייא פאר גרויסע פוילער אונ אם ענדע פאר בעטלער . אונ האבין אזוי פערלעבט דארט יאהר הונדערטע . דען דאס בעטלער ברויט שמעקט זייער זים . אונ ווער נור עס האט עס איין מאל פערזוכט שמעקט אים שוין ניט מער איין איינענער ביסען . אונ ווער האט עס אין יענער צייט ניט געקאסטעט דארט אין יענע צייט (אויסער דעם שטיין רייכענס זון) . דען אלס האט דאן גילערענט . אונ ווער נור גילערענט דאן וואר אין זיינער קינדהייט אדער יונגער שוין ביא איינעם פרעמדען טיש . נון וואר אים שוין זיך שווער צו שיידען דער פון . ער האט דורך אויס גיוואלט זיין אבעטלער . אונ האט עס גיקענט זייער לייכט אויס פירען . דען עס וואר אלעם בזולי זול . דיא ישובים ווארען צוא ווילענדיג צו נים קיין ווילענדיג העכסט גאסט פריינדליך (גאסטע פריאימציוע) . פאס האט מען ניט געדאפט וואס זאל זייא שטערן אויף זייערע וואנדערונג פון שטאדט צוא שטאדט אונ פון דארף צו דארף :

דאס גאנצע אידעשע פאלק האט דאן געלערענט נור גמרא . אונ אויסער דעם האבין זייא ניט גיוואוסט פון דער וועלט



וועלט וויא לוטס טעכטער וואס האבין גימיינט דאס מיט דעם אונטער גיין פון סדום אונ עמורה איז שוין דיא גאנצע וועלט אונטער גינאנגען . אונ עס איז שוין אלזוי פאר זייא קיין אנדער מאן געבליבין וויא נור זייער פאטער אליין . האבין ניט געוואוסט פון קיין חכמה . פון קיין שפראך . ניט פון דער פאליטיק . איין שתדלן אדער צווייא שתדלנים האבין מוציא גיוועזען דארט אלע אידען מיט פויליש . זייא זייען גיוועזען דיא ריידער אדער דיא מליצים ביא דער רעגירונג פאר דעם גאנצען כלל . אונ אין דיא שטעט ווארען דיא ריידער על פי רוב פאקטורים . אונ אין דיא קלענערע שטעט ווארען דיא הויפיגע שניידער . ווייטער האט מאנם פרזוין ניט אווארט פויליש גיקענט ריידען אונ אויך ניט פערשטאנען . דען זייא (דיא מענער) זיינען גילעגע אימער אין דיא קלויזען . אונ געשעפטם פיהרער ווארען דיא ווייבער אונ דיא טעכטער . אונ דאהער ווארען דיא מענער גערופין נור אויף דעם נאמען פון דיא ווייבער, ר' יאסעל צירעס, ר' אברעמעל רייצעס . ר' חיים גיטקע טויבעס אונ דאס גלייכען . אונ וואס מער מען וואר אונוויסענדער אונ פערקריפעלט (אוים געקרימט) ניאר מען אלץ מער געהויבענער :



קורץ גיזאגט מען וואר העכסטע ליידיג גייער . איזט גישטארבין עפעס אשטיקעל למדן האט מען אוועק גיוויינט נאך אים כאנאטען לאנג . עס ווארען הספדים נאך הספדים . וואר איין דהונה האט מען זיך ניט גיקענט אפ פרייען . עס האט געדויערט מער אלס איין מאנאט . מען האט זיך דער ציילט נסים ונפלאות . מען האט גילייענט אין דיא קלויזען בריף פון מערב הפנימי . פון ארץ הקדושה . מען האט זיך דאן נעבארעט מיט שדים . מיט כתים . וויא דיא ווארהייט צו זאגען עס וואר צוא מאכען פון יענער צייט איין טויזענד אונ איין נאכט . דען עס וואר אלץ דארט איבער נאטירליכעס אונ גאנץ קינדעס :

דיזער פערניפטענדער מיסענאנג (בטלנות) וואס זייא האבין

KAHAL'S OMNIPOTENCE



האבין זיך ביז איצונד ניט אויס גענִיכטערט פון אים וואר גישטערט זייער אפט דורך צווייא גאנץ פערשיידענע דעספאטערייא (טיראנסטווע) וואס האט זייא (דיא אידען) העכסט בעאונרוהיגט אין דעם גאנצען משך פון זייער זיין אונטער דיא פוילישע רעגירונג. איינע וואר איינע איניווייניגסטע. דיא צווייטע וואר איינע אויס ווייניגסטע. דיא איניווייניגסטע וואר דער רב אונ דער קהל וואס האבין דאן גיהערשט איבער דיא אידעשע געמיינדען. וויא דיא פערצייטיגע ריש גלותות. אדער וויא ארבישע קאליפען פלעגען זייא בעריסען. בעשטראפען. אונטער דריקען וויא ווייט זייא האבין אליין גיוואלט. אונ עס וואר קיין קלאגער אונ קיין ריכטער איבער זייא. אם שלימסטען נאך וואר אלס קהל וואר אונאייניג מיט דעם רב אונ דיא שטאט וואר דאן געטיילט אונטער זיך אויף צווייא צדדים. איינער וואר דעם רבס צד אונ דער אנדערער וואר קהלס צד. דאן האט מען זיך פון זעלבסט ווייזע גיטאן איינער דעם אנדערען מעהר אלס צעהען פרעמדע שונאים. מען האט זיך בדלות געשטעלט. מכפת פרנסה גיוועזן איינער דעם אנדערען. גימאסערט. אונטער געצונדען. אם שלימסטען וואר נאך אלס דיא פוילישע מאגנאטען פלעגען (אויס נעצאווא דיעלאט) זיך אריין מישען אין דיזע ליידיגע קריג. דאס איינער פלעגט האלטען פאר דעם רב אונ דער אנדערער פאר קהל. דאן פלעגט צו ווערען אשטייסערייא אויף טויט אונ אויף לעבען. דען יעדער מאגנאט פלעגט לאזען אויף צו לויערען א אידעל פון דעם צד שכנגדו אונ פלעגט אים אריין שמיטען צווייא דרייא הונדערט ביזונעם אדער נאך איינשפארען אין שווינארנע אויף עטליכע וואכען. זייער אפט פלעגען צו ווערען דיא מאגנאטען גרויסע פיינדע אונטער איינאנדער צוא ליב דעם דאס זייא פלעגען ארויס צו טרעטען אויף פאעדינעק. אדער בעלאסטען איינער דעם אנדערען דארום מיט איינעם שווערען פראצעס. אונ פלעגען

דאריבער



דאריבער פערזעהען כמה וכמה וויכטיגע ענינים אין פאליטישע זאכען (פאליטיצנע):

אונ בענאהע וואר קיין שטאט קיין שטעטעל פרייא פון אזעלכע מחלוקה וואס זיינען ענטשטאנען נור אויס פוסטע ענינים*) אונ דאן וואר שוין קיינער זיכער מיט זיינעם פערמעגען אונ מיט זיינעם לעבען. דער רב האט דאן גיהאט איינע פירכטערליכע וואפען (גיוועהר) אין דער האנד אונ דיזעס וואר דער חרם. ווייזע דעם אויף וועמען זיא וואר געצילט. יענער וואר שוין פויגעל פרייא (הפקר). עס וואר אים איינג זיין הויז. זיין כמאט. אונ דיא גאנצע וועלט. ער איז שוין אונטער גיגאנגען פאר דער צייט. עס האט שוין דיזעס געמוזט גישעהען גאנץ נאטירליכער ווייזע. וויל אזוי איינער וואר שוין אויס גישלאסען פון האנדעל. פון וואנדעל. פון שידוכים. מען האט ניט גיטארט אים פערקויפען אדער וואס קויפען פון אים:

פייגל ר' שלומעלע

דער אויס ווייניגסטער פיינד וואס וואר זייא פיל מעהר גיפערליכע אלס דער איניווייניגסטער אונ וואס זייא ווארען פון אים בעשירמעט שיין בארליך נור דורך דיא געמליכע הילפע וואר דער פוילישער שיים. דען בייא יעדען מאל וואס זייא פלעגען צו זאמען קומען וואר אלץ בעראטשלאגט וועגען אידען. עס וואר בייא יעדען מאל פארגעלייגט גרויסע גזירות אויף אידען. מער אלס איין מאל וואר פראיעקטירט דאס מען זאל זייא ארויס טרייבען פון לאנדע. אונ דאן פלעגען אידען נוזר

תענית

*) מיט אזוי איינעם ליידיגען קריג וואר דאן אויך אונזער ווילנא געפלאגט וואס מען האט עס רויט פערצייכענט אין אונזערע פינקסען אונטער דעם נאמען רבס קריג, זיא האט גיקאכט מער אלס אמיליאן טאלער, אונ דער צו נאך זייער פילע נפשות, דאס פון יענער צייט אן האבין מיר שוין קיין רב אין ווילנא. אזוי ווייט איז מען איינגישראקען:

VILNA

תענית זיין . תהלים זאגין . אין די שולען געוויינט . אונ עס איז דורך די געטליכע הילפע אלע מאל נאר ניסט גיווארין דער פון . די מאנגאטען פלעגין זיך ניט קענען איינינגען אין דיזער זאכע מיט איינאנדער . אזוי וויא אין זייערע אלע איבריגע פאליטישע אינטערעסען וואס האט זייא געפעלט איין געמיינזאמקייט (דעה אחת) . דען זייא ווארען אין גרונט זייער שטאלץ . אונ יעדער האט גיוואלט אליץ איבער ראזוען דעם צווייטען . אונ יעדער סעסיאן האט זיך אלע מאל געענדעט מיט דעם ביי זייא געוואוינליכען שפריכווארט "ניע פאזוואלעם" אונ פלעגען זיך דאן שיידען פיל פיינדליכער אלס זייא זיינען צו זאמען געקומען . אונ דאהער פלעגט דאן זיין ביי אידען איין גילטיגער שפריכווארט "חעלעם אשטאט אונ פוילען אמדינה" . אונ ביי אלעם דעם ווארען אידען אין דעם גאנצען משך פון זייער לעבין אונטער זייער רעגירונג גאנץ אונזיכער מיט זייער דא זיין . מיט זייער לעבען . ווארען אימער פערזארגט . אימער אין שרעק פאר נייע גזירות . פאר בלבולים . מען יאר העכסט פעראכטעט . פערלאכט . פערשפאטעט . מען האט גימוזט פאר אלאר אשלאכציץ שטיין געביינגט אן אהיטעל . אונ יעדער ישובניק האט נאט גידאנקט דאס ער האט זיך אומגיקערט פון הויף מיט היילער הוים (דאס הייסט ניט איין געשמיסענער) דען געשמיסען ווערען וואר פון טאגעס ארדענונג . נון געדיינקע איך איין געוויסין ישובניק וואס מען האט אים גערופען "ר' יאסעל דער שותפסער אלף מחילות" ווייל זיין קרעצמע איז גישטאנען אויף דעם סאמע רובעז (גרענעץ) וואס וואר צווישען צווייא פריצים . דאס אהאלבע האט גיהערט צו איינעם אונ די אנדערע האלבע האט גיהערט צוא דעם אנדערען . נון וואר ער פון ביידען געשמיסען . אונ אזוי ווארען די יודען פון זייא גיהערשט זעלבסט אין די רעליגיעזע זאכען וועסען דער כאנגאט האט גיוואלט מאכען פאר ארב אין זיין שטאט אדער שטעטעל איז

NB

גיווארין



גיווארין ארב . ער האט זיך גימענגט זיין איין פראסטאק . איין עם הארץ וויא טיטוס הרשע . איין אונוויסענדער . על פי רוב פלעגט עס צו ווערען דעם ראנדארם איידעם . אדער דער זון . אדער נאר דעם שניידערס איידעם . דען איין הויפיגער שניידער וואס האט גיקענט זיך בעשפרעכען מיט זיינעם שררה אין פוילישער שפראכע וואר ביי אים דער גרעסטער תקיף*) . אונ פלעגט אויס פירען ביי אים אלעם וואס ער האט נור גיוואלט :

לבד דעם וואר ניט אויס צו שטיין פון זייערע לוינען (משוגעת) . אזוי איזט איינער פון זייערע גרעסטע מאנגאטען איין גיפארין אין ווייבערשע באד מיט אקליינע קארעטקע וואס ווארען איינגעשפאנט אין איר צווייא בערען . פילע זיינען אומגעקומען פון שרעק . פילע האבין מפיל גיוועזען אלעם איינער פון זייערע גרעכטע וואס האט זיך פארזינדיגט געגען די קירכע אלס ער וואר גאנץ בערוישט (שכור) האט ער נאכהער אלס ער האט זיך אויס געניכטערט כפצה גיוועזען (פערזעהנט) דיזען היילינגען ארט מיט דרייסיג פוד וואקס וואס ער האט ארויף געווארפען

INSANE ACTS OF THE PORITZ

*) אזוי איינער מיט געוואלט אויפגעדרונגענער רב אין איינער קליין שטעטעל וואס וואר נאך דער צו גאנץ יונג , האט אום יום כפור צו נעילה ניט גילאזט זאגען הוא אלקים נור דרייא מאל , ווייל דער זיי"ן פון דעם ז"ס וואס שטייט דער ביי האט אויס גיזעהען אין זיין מחזור נור וויא איין ג' דורך אפינטעלע פון אפליג וואס האט דארט אנגימאכט , דער בויער אבער וואס פלעגט צו פערריכטען דארט די ליכט אלע יום כפור , אונ וואר אלזוי שוין פיל מעהר רגיל אין דער אידעשען ריטום (מנהג) האט אים זייער שטארק איינגיוועגדעט , אונ האט גיזאגט "טרעבא קריצאט יעשצא צעטירא ראזי" , דער רבעל וואס האט גיקאנט דעם בויער פאר אגאנץ ריכטיגען מאן האט זיך דאהער באלד פאדומעט , כערנעווים האט ער ביי זיך געטראכט ווען

RABBI'S IGNORANCE

אגויסקע

גיוואָרפען אויף דעם דאָרטיגען קהל*) מאנכע האבין פערשלאָסען אָדער פאר שאָטען די מקוואות. די שולען פאר קליינע נעדאימקעס. אונ אלע יאר האט זיך גימאכט איין בלבול דם. איין קליינער גירוש. דאס פון נאסען. דאס פון שטעטלעך. דאס פון דערפער. יעדער בעזונדער וויא איס האט אוים ניטראגין זיין שנעין. אין אלגעמיין וואר אונזער אידישע לאגע אונטער זייא העכסט שלים אונ העכסט אינזיכער. אונ העכסט נידעריג. אונ מיר זיינען גיוואָרין אונטער זייא גאנץ פערקריפעלט (פערדארבען) פון קערפער אונ גייסט. דען עס וואר דארט פערשלאָסען פאר אונז אלע בתי החכמה (אקאדעמיעס) אונ האבין אלזוי אונזער גייסט ניט גילאזט וואקסען דורך זייערע הערטע וויא די חינעזער די פיס פון זייערע דאמען דורך די אייזערנע שיך וואס זייא טוען זייא אן צוא זייער געבורט. אונ דאס וואר נאך מער אלס איין כארד. אונ דיזע טיראנישע אפהאלטונג פון בילדונג וואר אונז מיט דער צייט שוין צור איינע פערדערבליכע געוואוינהייט געבליבען. אונ איין איינבערידונג אים לעבין (אתנאי) דאס מען זאל זיך ניט בילדען אונ ווילען זיך ניט בילדען ביז אהער. אונ זייען נאך די זעלביגע בענאהם אונטער די רוסישע רעגירונג וואס האט פאר זייא געעפענט די טירען פון אלע שולען אונ פון אלע אקאדעמיעס. אונ ביי

אלעם

---

אגויסקע ניט שרייען אומזיסט, מען האט אנגעהויבין ארום צו פוצען דעם גימאכטען גימל מיט דעם נאגעל, אונ דאן אלס ער האט זיך שוין איבער צייגט אויף קלאר דאס ער איז ווירקליך איין זיין האט ער אנגעהויבין צוא שרייען מיט קולות. שרייס ווייטער נאך פיר מאל. דער פויער איזט גערעכט, דער פויער איזט גערעכט:

*) דיזע געשיכטע איזט בעשריבען אין דעם ספר אפס דמים באריכות.



אלעם דעם וואר גאט מיט מיר. דאס איך זאל ווערען איין געבילדעטער מאן אונ גרייכען צוא אזוי אשטאפע אונ גראדע דורך איינעם פוילישען מאגנאטען וויא איך וועל אייך דא ווייטער דער ציילען:

## 7.

GENTILE DONOR

**איין עטוואס פון דעם קסאנזע לאצינסקי קאטלעבייא:**

אין דעם קליינעם משך וואס איך וואר ביי דעם ר׳ הערש חיים בין איך בעקאנט גיוואָרין מיט פילע קריסטען וואס פלעגין צו פערקערען צו אים אין האנדעל וואס איינער פון זייא וואר איין געוויסער קראסינסקי וואס וואר דער איבער אגראדניק פון דעם גרויסען באטאנישען גארטען וואס האט גיהערט צו דעם קסאנזע לאצינסקי קאטלעבייא. וואס דער ר׳ הערש פלעגט ביי אים צו קויפען פערשיידענע שפעציעס טייערע אונ האב דורך דעם גיהאט איין פיל מעהר פרייערען איינגאנג אין דיזען גארטען אלס אנדערע אידען דען ער האט מיר ערלויבט אריין צו גיין אין דיא ארענזערנעס. אין דיא אינספעקטען דער פארנעם. אונ פלעגט מיר זייער אפט ערקלערען דיא נאטירען פון פערשיידענע געוועקסע. פלעגט מיר לייען מאנכע מאל אבוך מיט רעצינקעס (פערשטוך) פון פערשיידענע פלאנצען אין פוילישע שפראכע. אין האט זיך איין מאל גימאכט אלס איך וואר דארט אין גארטען אין אזומער אווענד מיט אבוך אין האנד פון דער בוטאניק. אונ האב עס גילעזען זיצענדיג אונטער איינעם בוים. האט זיך פלעצליך זייער שטארק פערוואלקענט. אונ עס האט אנגעהויבין אזוי וויא צו טריפען ארעגען. דאס איך בין גיוואָרין געצוואונגען אריין צו האפין זיך דארט אין איינער אלטאנקע. אונ דארט האב איך מיר געמאכט גאנץ בעקוועם (וויגאדנע אדער ראהקסנע). דען איך האב מיך דארט אנידער געלייגט אויף איינעם ווייכען ראזענבאנק (פריזבא אדער דארנא) אונ בין

באלד דארט איינגעשלאפן לעזענדיג אזוי. זאנפט אזוי זיס דאס איך האב גאר ניט געהערט וויא דאס בוך איז מיר ארוים געפאלן פון דער האנד. אונ האב געשנארכט (געכראפעט) וויא אנאכט וועכטער אויף דיא ווארטע. בייא אלעם דעם וואר דער שלאף דאך ניט גאנץ הארט (דען איך וואר איבער צוטקע) דאס איך זאל נים הערען איין הוסטען איינעם אנדערען אדער איין געשפרעך וואס וואר געשפראכען פון צווייא פערזאנען לעבען מיין צו קאפען ווען אויך גאנץ לייזע (פיכעלעך) אום מיך נים צו שטערען פון מיינעם שלאף. דער צו נאך האט צוגעהויבען איין עטוואס צו דונערען. אונ איך האב מיך אלזוי אויפגעכאפט אונ האב דער זעהען צו מיינעם שרעקען אונ וואונדער צווייא פארנעהמע פערזאנען שטעהן מיר אנטקעגען. איין יונגער הער אונ איין יונגע דאמע ביידע זייער שיין אונ העכסט רייך געקליידעט. אונ ער (דער הער) האלט אין האנט דאס בוך אין וועלכען איך האב דא פריהער אין אים געלעזען. איך האב מיך אויפגעכאפט אונ באלד זיך אנידער געשטעלט. זייא אבער דער הער מיט דיא דאמע. האבין מיך באלד בערוהיגט אונ האבין מיך איבער געגעבען דאס זייא האבין מיך געשטערט פון שלאף. אונ האבין מיך געפרעגט ווער בין איך. אונ וואס איז מיין כאן הער. איך האב זייא דער צוילט דיא ווארהייט דאס איך בעזוך זייער אפט דעם גארטען. נור אום דער באטאניק וועגען וויאס איך לערען עס אום צו מאכען מיך גאר איין פאלקאמענעם (ריכטיגען) הענדלער פון אפטייקארישע מאטעריאלען. דען איך בין אין דינסט דא ביי דעם הערר מאטעריאלען הענדלער. אונ דיזעס פרייעט מיך העכסטע. האט זיך דער הער אפגערופען. דאס איין יודען קינד זאל וואס לערנען וועלין אויסער דעם תלמוד. אונ בעוואונדערע דיך נאך מעהר דאס דוא שפריכסט אין ריינעם דייטש. ביז אהער האב איך געהערט פיל מעהר ראבען אונ שפאקען עס שפרעכען אלס דיא

יודען



יודען. וואו האסט דוא עס ערלערענט. איך האב אים זיינע נייגירדע באלד בעפרידיגט. איך האב עס צו פערדאנקען דעם ר' הערשען. האב איך געענטפערט. אונ האב אים בייא לויפיג ערקלערט וואס פאר איין כאן ער איז. לײדער קען איך אים ניט. האט ער מיר געענטפערט. דען איך בין אימער אויף רייזען אין מיינע ווייטע ניטער. אדער אין קריגסדינסט. נון מעכטע איך דיך הערען צו דוא פערשטייסט ווירקליך דיזעס בוך וואס איך האב דא דער וויסט בייא דיר. דען וויא דיא ווארהיים צו זאגען איך טרויא נאך קיינעם פוילישען אידען דאס ער זאל איין עטוואס צו לעזען פארשטעהן. איך האב אים פארגילעזען מער אלס צווייא שטראניצעס (זייטע) אונ האב זיך דער בייא זייער גוט ערקלערט. אונ איך וואר אים אזוי ווייט געפעלען דאס ער האט מיר דיא האנד געדרייכט אונ האט העכסט בעלויבט מיינע פעהיגקייט (שפאסאבנאסט). עס טוט מיר לייד אונ דיך. האט ער זיך אפגערופען רייכענדיג מיר זיין האנד. דאס דוא איין יודענקינד ביזט. זאנסט האט געקאנט אין העכסט נוציגער כאן ווערען פון דיר נאטע בענע (בפרט) דאס דוא פלייסיג ביזט. נייא אלעם דעם וועל איך אונ דיזע דאמע אונזערע הילפע דיר ניט ענטזאגען. ווען דוא נור קאנסט איין געברויך מאכען פון איר. איך זעלבסט וויל דיר געבין איין מעגליכען אונטעררייכט. דען איך פערבלייבע היר אונ וועל דיר פארברייטען צום אוניווערזיטעט. דאס דוא זאלסט דאקטאר שטודירען אויף אונזערע קאסטען:

איך האב מיך זייער טיף פארניינט פאר זייא ביידען. האב זייא ביידען געקושט דיא הענד. האב זייא העכסט געדאנקט אונ האב פון זייא פערלאנגט צו זאגען מיר מיט ווערטען איך האב דיא יעצט איצונד צו שפרעכען. מיין נאמען. האט ער זיך אפגערופען. איז דער זעלבע וויא עס הייסט דער פערפאסער (מחבר) פון דעם בוך וואס איך האב דער וויסט בייא דיר. דען

איך

איך זעלבסט האב אים פערפאסט ״אלזוי זיינען זייא דער קסאנזע לאצינסקע קאטלעבייא״ האב איך מיך אפגערופען מיט גרויס פערוואונדערונג אונ צו גלייך פערנייגענד זיך צום צווייטען מאל זייער טיף אונ טוענדיק אקוש דאש ענדע פון זיין ראק״ ״אונ דיא דאמע״ האט ער זיך ווייטער אפגערופען ״איז מיינע פרויא״ ״נון טוט מיר לייד״ האב איך מיך אפגערופן ״דאס איך האב אייך גידאנקט . דען וואס פר אבעטרעף איז עס געגען אייערע אונבעגרעניצטע אונ הימעלשע גענאדע געגען מיר . דיא דאנקבארקייט זעלבסט מיט איר נאצע בערעדזאמקייט (ריידעריייא) איז ניט הינרייכענד (מספיק) צוא בעדאנקען זיך דער פאר בייא אייך וויא געהעריג . זיא מוז פערשטומען וויא אונזער היילינער זינגער זאגט (דוד המלך) ״לך דומיה תהלה״ דיא לאבונג זעלבסט מוז מויל האלטען . ווייל זיא איז ניט אים שטאנדע גיהעריג צו לויבין אונ פרייזען דעם שעפער :

אלזוי מיינע טייערע הערשאפטען . איך נעהמע אן אייערע מיר אונגעבאטענע גינאדע מיט פריידען. ביי אלעם דעם מוז איך מיך פארהער בעשפרעכען מיט מיינעם ערכטען וואויל טהעטער דאריבער . איך מיין עס דעם ר׳ הערשען חיעם . דען ער וואר דער ערסטער וואס האט מיך עלענדעם אונ פערלאזענעם אויפגענומען אין זיין הויז . דאס נעמליכע האט גיטאן משה רבינו אלס גאט האט אים געשיקט קיין עגיפטען צו בעפרייען דיא ישראל דם ער האט זיך פריער בעאורלויבט בייא יתרו וואס וואר זיין ערסטער גאסט פריינד (מכנים אורח)״. ״אונ גראדע דיזעס גיפעלט אונז״ האט זיך אפגערופען דיא דאמע ״איין בעוויי דאס מיר האבין איצונד צו טאן ניט מיט איינעם אונדאנקבארען .

קורץ גיזאגט . איך האב זייא פערשפראכען צו געבין אנטוואורט אין אפאר טעג ארום . אונ בין אוועק פון זייא מיט איינעם קלאפענדען הערץ . דען וויא אויך עס האט מיך געפרייט איבער דיזע געלעגענהייט צו ווערען איין דאקטאר. אזוי וואר איך

עס



עס אויך העכסט פערקלעמט . ערסטענס האט זיך מיר ניט געגלויבט דאס אזעלכע גרויסע לייט זאלין וועלען טאן אזוי אגרויסע גענאדע מיט איינעם ארעמען יודענקינד נור אויס ריינעם אונ גוטען ווילין . געווים איז זייער אבזיכט דער בייא צוא פערלייטען מיך (פערפיהרען) צו איינער טויפע . דען דיא פאלאקען ווארען גרויסע פאנאטיקער . אייפעריגע קאטאליקען פראזעליטענמאכער (בעקערען פילע יודען צו זייער גלויבען) מאכען יעדען געטויפטען פאר איין שלאכציץ . צווייטענס ווען זיין אויך ניט דאס האב איך גלאט געפירכטעט דאס דער ר׳ הערש וועט מיך ניט צו לאזען דער צו . דריטענס וועט דא דער ילע דיא וועלט אויף זיין מיט מיר . דען פארגעווים וועל איך דאך דער וויילע מיזען ענדערען מיינע בגדים . דיא פאות אונטער האקען . מען וועט מיך בעליידיגען העכסט בערייידען . אלזו איז עס דיזעס איין צו גרויסער שריט פאר מיך . איך האב קוים דער לעבט צו קומען אהיים אונ עס מיט צוטהיילען דעם ר׳ הערש נון וועל איך אייך דער ציילען איין עטוואס פון מיינעם געשפרעך מיט מיר איבער דעם :

## 8.

### איין עטוואס פון דעם ר׳ הערשעס געשפרעך מיט דעם טאביאס :

דער ר׳ הערש האט אויס גיהערט מיינע נייע בעגעבענהייט אונ מיינע בעזארגנים דאריבער מיט גאנץ קאלטע בלוט . אונ דאן האט ער זיך אפגערופען ״הער צו מיין קינד, פון מיינער זייטע (מצדי) וועסט דוא קיינע הינדערניסע (שטערונגען) האבין . איך וועל דיר בלייבען גוט וויא פריהער . דוא וועסט זיין איין בן בית בייא מיר וויא גיוועזן . אונ וואס עס אנבעטרעפט אנדערע . דאס הייסט וואס דוא האסט מורא פאר דעם וואס דער עולם וועט זאגין . זאגט שוין איין אלטער שפריכווארט ״טוא נור גוטעס

אונ

STORY OF DIOGINES



אונ פירכטע נימאנדען . אונ וואס קען שוין אונטער אונז אידען מעהר גוטעס נימאן זיין וויא איין צו היטען זיך דאס מען זאל נים בלייבין אבעטלער אונ צו פאלען צור לאסט דעם אנדערען וויא עס זיינען איצונד דאס רוב פון אינז . אונ מאכען זיך נאך ניצליך צו דער מענטשליכע געזעלשאפט . אונ אים דיר עס בעסער געבין צוא פערשטיין וועל איך דיר דא איצונד מיטטהיילען איינע גרויסע אנטוואורט פון דעם וועלט בערימטען פילאזאף דיאגענעס וואס ער וואר איינער פון דיא שבעה חכמי יון. אלס ער האט אמאל בעקומען גרויסע שמערצען אין דיא אקסלען . האט אים איינער פון דיא גריכען וואס וואר אזוינס ביטעל (שווינדלער) געפרעגט "ווארום זאלסט דוא דיאגענעס ניט נעמען זיך דאס לעבען אום לויז צו ווערען פון דיינער שמערצען?" "איך מאר עס ניט טאן" האט אים דיזער וועלט ווייזע (חכם העולם) געענטפערט . דען איך בין נוציג פאר זיך אונ פאר דיא וועלט . נון ווער איך דורך מיין זעלבסט מארד בעניין איין גרויסען רויב נעמען אונז ביידען . דאס דארף טאן נור דוא אונ דיינעס גלייכען וואס לא די וואס זייא נוצען ניט פאר זיך אונ ניט פאר דער וועלט זיינען זייא איר נאך צו לאסט . דען זייא פארנעמען אויף איר איין אומזיסטען ארט אונ לעבען נאך אויף דעם רעכענונג פון איינעם אנדערען . אונ זייט אלזוי ניט בעסער אלס איין וואלף . איין ערליכער מענטש גיהערט צוא לעבען אויף דער וועלט דאס מען זאל זיך מיט אים פרייען כל זמן ער לעבט אונ וויינען אלס ער שטארבט :

אונ אזוי איינער קענסט דוא איצונד ווערען . דאהש ראטהע איך דיר וויא איין פאטער דאס דוא זאלסט גאנץ געטראסט אננעהמען מיט ביידע הענד דיא גרויסע געפעלליגקייט אונ פירכטע דיך ניט אין מנדעסטען . דען איך וויים אונ קען דיזען גרויסען הערען אונ זיינע פרויא . זייא זיינען העכסט איידעלע לייט אונ העכסט אויף גיקלערטע . טוען גוטעס מיט

אלעם



אלעם אום זיינעם אבזיכט . ער אליין איז איין גרויסער פילאזאף אונ זיין פערגעניגען בעשטייט נור דארין צו בעלערנען זעלבסט דעם אנדערען . אונ דוא ביזט ניט דער ערשטער ביי אים וואס האבין גענאסען ביי אים אונטערריכט . אונ שוין פיל מעהר אלס איינער האט זייא ביידען צו פערדאנקען זיינע בילדונג אונ זיינע ערהאלטונג . עס איזט צווואר דא ביי אונז אין שטאט נאך אפריין . דען ער לעבט אימער אין זיינע גיטער . אונ צייט איינינע יאר וואר ער אויף רייזען . דאך קען איך אים זייער גוט אונ אזוי אויך זיינע פרויא פון הערען אונ זאגען . אונ פון צייטונגען . אונ נאך מעהר פון פילע פערפאסונגען (חבורים) אין פערשיידענע שפראכען וואס האבין פערפאסט (מחבר גיוועז) גרויסע גילערענטע וואס האבין עס צו געווידמעט (געהייליגט אדער מיחס גיוועז) צו זיינער עהרע אדער צו זיינעם נאמען ווייל ער האט זייא גיבראכט צו דיזער שטאפע דאס זייא זאלין קענען פערפאסען אזוי אחבור . דאס הייסט ער האט זייא גילאזט שטודירען . אונ דאמיט ער זאל זיין געוויסער דאס דוא ביזט איין ערליך קינד אונ דאס דוא האסט אונטער אידען אויך איין גינער (אוטען פריינד) וואס קימערט זיך אום דיין וואויל . וועל איך זעלבסט מיט דיר אריבער גיין צו אים . זיין קאמיסער וועט זיך פארשטעלען פאר אים דאס איך זאל אפ לייגען מיינע צייגניס אויף דיך פאר אים דאס דוא ביזט איין גאנץ אונשולדיגעס קינד דאס איך האב דיך אריין גענומען צו מיר אין שטוב אונ בין גאנץ צופרידען מיט דיר. אונ אום צו גלייך פערזיכערען אים דאס דאס זעלבע וועט ער אויך זיין . אונ וועל אים דער ביי היכסט דאנקען פאר זיינע גיטע אונ גענאדע וואס ער וויל טאן מיט דיר :

איך האב דעם ר' הערשען העכסט גידאנקט דער פאר , אונ אויף מארגען זיינען מיר ביידע אריבער גיגאנגען צו אים . דער קאמיסער האט אונז ביידען פאר גישטעלט פאר דעם

קסאנוע

קאנזע . ער האט זיך מיט אים בעשפראכען איינע היפשע צייט אונ האט ביי אים העכסט אויסגינוטצט . דען נאך האט ער אונטער דיא פוילישע יודען ניט גיזעהען זיין גלייכען . אונ האט אים ביי זיינעם שיידען זיך מיט אים גיבעטען דאס ער זאל אים זייער אפט בעזוכען . דער ר' הירש האט עס אים פערשפראכען אונ האט גיהאלטען ווארט . אונ האט ביי יעדעם מאל גיהאט ביי אים אלץ איינע ווארעמע אויפנאהמע. פלעגען זיך בעשפרעכען איבער דיא רעליגיאן . איבער דיא פאליטיק איבער דיא באטאניק . איבער הויפט אבער איבער דאס אידעשעס לעבין אין פוילין וואס זייען אימער אזוי אונפריינדליך מיט דער גאנצער וועלט . צערפאלען (צו קריגט) מיט דער נאטור זעלבסט. ווילין זיך ניט ציוויליזירען . זיך ניט נוצליך מאכען אין דיא לענדער וואו זייא וואונען . זעהען אויס עפעס וויא אמפיהיבען וואס לעבין אין צווייא עלעמענטע . אליין וואוינען זייא אין הימעל אונ נאהרונג זוכין זייא אויף דער ערד . דער ר' הירש אבער וואס וואר איין גרויסער יודענפריינד האט בעשולדיגט אין דעם נור דיא קריסטען וואס האבין זייא ביז דיזע צייטען העכסט פערפאלגט (רודף גיוועזן) נור איבער דיא רעליגיאן . העטען מען זייא אבער גערייכט איינע פריינדליכע האנד . דאן וואלטען זייא פערגעווים גאנץ אנדערש גיוועזן וויא דיזער פאל איז אין האלאנד . דאס דיא יודען זיינען דארט אויסגיצייכענטע מענטשען. גרויסע קינסטלער . גרויסע קויפלייטע . אונ עכטע פאטריאטען (פריינדע פון זייער דארטיגען פאטערלאנד) :

## 9.

### איין עטוואס פון זיינעם גיין אהין :

דאס ענדע פון דיזעם ליד וואר דאס באלד נאך דעם ערשטען בעזוך פון דעם ר' הערשען . האט מיך דער הער

לאצינסקע



[לא]צינסקע גילאזט אויס קליידען העכסט קריסטליך . דאמיט איך [זא]ל צוא אים אימער ערשיינען וויא איין עכטער פאלאק . [ד]אס איך זאל ניט זיין ביי אים אין שטוב וויא איין לעבענדיגער [...]אגע צייכען אין דיא אויגען פון יעדען פרעמדען מאגנאטען וואס [...]עט קומען צו אים אין שטוב . אונ ווייל איך האב מיך גישעמט [...]יין אזוי אן גיטאן איבער דיא גאסען דאס דיא יודען זאלין ניט [...]אך לויפען נאך מיר וויא נאך אבערען אונ דער צו נאך ניט [...]דייטען מיך מיט דיא פינגער . האב איך דיזע פוילישע קליידער [...]האלטען ביי איינעם בעקאנטען קריסטען וואס האט גיוואוינט [...]רט לעבען דעם שלאס . אונ דארט פלעג איך מיך ביי יעדען [...]אל וואס איך האב גידארפט גיין צו דעם לאצינסקען אן טאן [...] אויס טאן . אונ האב עס אלזוי גימאכט איין געהיימניס פאר [...]ע דיא דארטיגע יודען . אונ ווען מאנכער פון זייא פלעגט [...] אפט זוא בעגעגנען דארט אין לוסט גארטען אונ גייענדיג [...]ם לאצינסקען שפאצירען אנגיטאן וויא איין קריסט, פלעגט [...] מיך ניט דער קענען :

איך פלעג צו גיין צו אים פינף מאל אין דער וואכע . [...]ת אונ זונטיג ניט . פון פינף ביז זעקס . ער האט מיר גיגעבין [...]שער ריכט אין זיין שטודיר צימער , אין לאטיין , טייץ , [...]צויזיש , מאטהעמאטיק , געאגראפיע , היסטאריע , אונ [...]טאניק . אונ איך האב יעדע לעקציאן פערשלונגען מיט איינער [...]כהונגער . אונ פלעג מיר אויס צו הערען מיט גרויס פלייס . [...]אם איך האב איר אויף מארגען גיזאגט פאר אים וויא איין [...]מור . אונ ער וואר דאהער העכסט צו פרידען מיט מיר . [...] ער האט מיך מיט דער צייט העכסט ליב בעקומען . דאס [...] פלעגט על פי רוב איבער הויפט אין ווינטער צייט אדער [...]ין איינעם רעגנערישען טאג פערפלויערען מיט מיר מאנכע [...]נדע איבער פערשיידענע געגענשטענדע וואס דיזעם וואר [...] אויך פון איינעם גרויסען נוצען . דען איך האב דער ביי

זייער

זייער פיל פראפיטירט אין ריידען טייטש, פראנצויזיש וואס עס איז
מיר מיט דער צייט אונ נאך איצונד צו ניץ געקומען . ביא יעדעס
מאל וואר איך טראקטירט פון איהם מיט קאפע . מיט פריבשטע.
מיט אנגלעזישען ליקער. מאנכע מאל פלעגט זיך אונטערהאלטען מיט
מיר דיא דאמע זיינע איבער דאס לעבען פון אידעשע פרויען.
האבצייטען . איבער מאנכע גלויבענס ארטיקלען . אונ פלעגט
מיך איבער צו בעוואונדערן איבער מיינע טרעפענדע אנטווארטען
אונ בעשיידונגען וואס איך פלעגט איר צו געבען . אונ אזוי האב
איך געהאט דיא עהרע מיך אונטער צו האלטען דארט מיט אנדערע
מאגנאטען אונ דאמען וואס פלעגען אהין פערקערען . אונ זייא
האבען עס גערען געטאן . ווייל זייא האבען נאך ביז מיר ניט
געהאט איינע געלעגענהייט צו בעשפרעכען זיך מיט איינעם יודען
אין איינער ריינער פויליש שפראכע איבער דיא וואהרע
פרינציפען (גרונד זעצע) פון דער אידעשע רעליגיאן . אונ ווידער
פון דיא מיינונגען וואס אידעשע געלעהרטע האבען איבער דיא
קריסטליכע רעליגיאן . אונ איך האב זייא געגעבען איין גוטע
בעשייד דאריבער . דען איך וואר שוין דאן איין גוטער תלמיד
אונ בין קלאר געוועזען אין דעם ספר עקרים וואס רעט הויפט
פילאזאפיש איבער דיזע ענינים :

קורץ געזאגט מיינע ליבען . איך האב געמאכט עהרע אונזער
נאציאן ביא זייא . דען איך האב זייא ערקלערט זייער פיל פון
אונזערע גרויסע מענער . פון זייערע שיטות (זיסטעמען) אונ
מיינונגען פון ביידע וועלטען אונ פון בעשעפער זעלבסט . אונ
דער לאצינסקי וואר מיר מיט דער צייט אזוי ווייט גוט דאס ער
האט זיך כמה מאל מיר אנגעבאטען צו צאלין דעם ר' הירשעס
פאר מיינע קאסט. מיר האבען עס אבער ביידע אויסגעשלאגען (ניט
אנגענומען). איינע לעהרע פאר אייך מיינע ליבען . דאס אונטער
יעדע נאציאן זיינען דא גרויסע אדעל לייטע . מענטשען פריינדע .
וואס מוזען גוטעס אהנע דיא מינדסטע אבזיכט אויף איינער
בעלוינונג



בעלוינונג . אדער אויף איינע עהרע . אונ דאס קיינע נאציאן
ויף פערראכטען דיא אנדערע . אונ אזוי זיינען זיך איבער געלאפען
אנצע דרייא יאהר וויא איין טאג איבער מיינעם שטודיום ביא
עם הערען לאצינסקי וואס איך האב אין זייא דער לערנט
ייער פיל . איבער הויפט אין שפראך קענטניסע דאס איך האב
ט מיינער פעדער וואלאדייעט איבער דרייא שפראכען אונ צו
איך ריכטיג געשפראכען , פויליש , טייטש , אונ פראנצויז ,
טיין וואר איך נור אין שטאנדע אזויך צו פערשטיין אבער
שרייבען . אונ דער לאצינסקי האט שוין אנגעהייבען צו מאכען
קעהרונגען (הכנות) צו מיינעם אפ פארען אויף זיינע קאסטען
ין פראנקרייך . דען אין פוילען וואר נאך דאן ניט ערלויבט
צונעהמען אין יורעגקינד אין דעם איניווערזיטעט . אונ
איך פון מיינער זייטע האב מיך אויך צו געפערטיגט שוין צו
זער רייזע מיט וואס נור מעגליך איז . אונ האב ביא מיר
ין פאראויס בערעכענט מיין צוקונפטיגעס גליק וואס שטייט
פאר אלם איך וועל אויס שטודירען דאקטאר . דאך דער
נש דיינקט . גאט אבער לייגקט . דיזע גאלדענע האפנונג
ין באלד געווארין צו וואסער . דען גאט האט אנדערש געוואלט
אין איך האב מיך מכבד געוועזען . וויא איך וועל אייך באלד
שטער דער צעהלען :

## 10.

## •דיא גרויסע הינדערניס•

1795 אם ענדע פון דיזע דרייא יאהר אם ערסטען יאנואר טויזענד
ען הונדערט פינף אונ נייאנציג האבע איך קומענדיג צו איהם
דעם לאצינסקי) אין מיינער געוואהנליכע שטונדע דער
כם איהם זייער העכסט צו טראגען . ער איז אומגעגאנגען
יבערען צימער הין אונ צוריק . אין איין האנד האט ער געהאלטען
יא פייפע (טרובקע) אונ מיט דער אנדערע האנד האט ער אלץ
נעשטריגעלט

געשטריגעלט (אזוי וויא גיקעמט מיט דיא פינגער) דיא האר פון קאפ ארויף אונ אראפ. אונ וואר אזוי ווייט פערטיפט אין גידאנקען דאס ער האט מיך איינע היבשע צייט גאר ניט בעמערקט דאס איך בין אריין אין צימער. אונ איך וואלט אפגעשטאנען דארט דער ווייסט ביז וויא לאנג ווען איך וואלט גיטאן צו פעליטער ווייזע איין נאס. דיזעס האט אים וויא אויפגיוועקט פון זיינע גידאנקען. אונ וויא ער האט מיך דארט דער זעהען האט ער זיך אפ גירופען צו מיר «טאביאס»! שמייס דיינע ביכער דורך דאס פענסטער הינאויס. דען עס איז שוין איינע ענדע מיט אונזער לערנען. אונ דאס גלייכען מיט דיינעם פארען שטודירען. עס איז אלעס צו וואסער גיווארין. איך מוז מיינע פעדער אויף איינעם שווערד פערוועקסלען. מיר מוזען אלע אינם פעלד ציהען (אין מלחמה גיין). דיא רוסען אונ דיא פרייסען ציהען געגען אונז. אלזוי מיין ליבער טאביאס ווען עס איז דיר ניט בעשערט אויס צו צייכענען זיך אויף דעם פלאץ פון געלערזאמקייט זאלסט דוא דיך אויס צייכענען אויף דעם קריגעס פלאץ. טרעט אריין אין מיינעם רעגעמענט אונ פעכטע אונטער מיינע פאנע. אונטער מיינער קאמאנדע וועכט דוא אוואנסירען זייער גיך. דוא וועסט שפייגען פון איינער שטופע (גראד) אויף דער אנדערע העכסט שנעל. איך בין שעף (יענעראל) אונ איך בין דיר גוט, נוא טאביאס. ציהע אן דעם אוניפארעם (מונדיר) אונ מארש. יא פילע יודען זיינען שוין אריין אין אונזערע רעגעמענטער. מיר האבען שוין אין אונזערע מיליטער איין געוויסען בערקע אלס אבערריכט (פילקאוטיק) אונ ער האט שוין איין גאנצען רעגעמענט פון אידעשע יונגענד אנגעווארבען (אונגעיערבעוועט) זאנסט וואס וועט פון דיר דא ווערען. דוא וועכט דיך שוין דא מיט דיא יודען ניט קענען פערטראגען. אונ דאס גלייכען זייא ניט מיט דיר. אונ וועסט אלזוי העכסט שלעכט וועק קומען פון זייא. גיט נענג דאס דוא וועסט קיין דאנקבאר ווערען. דוא וועכט ניט

קענען



ענע זיין אזוי גאר אשיינקערעל אזוי וויא איינער פון זייא. דער גאר אפאקטערעל אדער אקרעמערעל אונ שטיין נעבייגט מיט דער הוט אין האנד פאר אלאד אשלאכציץ. דוא וועסט עס עריהען. עס וועט שוין אבער צוא שפעט זיין. קום מיט מיר איך בין דיר גוט:

דיזער אנמוטה מיינע ליבען וואס וואר גראדע געגען מיין שפאסטען פלאן צו ווערען אדאקטאר. דאס הייסט נור צו הילען מענשען אבער ניט צו מארדען האט מיך גאנץ ערציטערט ות וויא איין אייז קאלטעס וואסער האט מיר איין קאלטער שווייס עריזעלט (געלאפען) איבער מיינעם פוקעל (רוקען) אונ נור איין ום וואס איך האב אים דאן אנגיבעטען אין דיזער קריטישע מגדע (עת צרה) האט מיר אריין געלייגט איינע קלוגע אנטווארט אין מונד וואס זיא האט מיך מיט עהרען גירעטעט פון דיזער ערע (געפעהרליכען געשעפט). איך האב גימאכט איין עטויך פון דעם אלטען שפריכווארט «צייט געוואוינען איזט אלס געוואוינען» אונזערע חכמים זאגען עס אויך נור מיט אנדערע ווארטען (בת דינא בטל דינא) איין פלאצעם וואס זיך ערציהט האט שוין קיין האפט, «גוט» האב איך אים גיענטפערט וויא דאכהען מיר וויא איין קלוגער גוטער פריינד. דאך געהרלויבען זייא מיר דרייא טאגע צייט ביז מיין געגער דער ר׳ הירש וועט קומען. איך מוז אוים דאנקבארקייט אונ אנשטענדיגקייט זיך בעשפרעכען פריהער מיט אים דאריבער. אונ זיינע איינוויליגונג דער צו האבען. איך גלויבע דאס דיזער קלוגער ן וועט קיינע איינווענדונג דער בייא מאכען. «א אזוי פיל קען עס זיך נאך גערולדען» האט ער מיר גיענטפערט אונ האט מיך אוועק גילאזען פון זיך זייער פריינדליך. — דיזע ענטווארט מיינע וואר נור איין אויספלוכט (איינע ערדיכטונג). ען דער ר׳ הערש וואר צו הויז נור עטוואס אונפאס. איך אב עס אים באלד מיט געטהיילט. אונ ער האט זיך דער בייא

זייער

HE STALLS FOR TIME

ווייער שטארק געקראצט דעם קאפ. עס איז מיין קינד. האט ער זיך אנגערופען צו מיר אין אמוט וואס עס איז גאנץ שווער אונז גאנץ אונגערעכט עס ניט אנצונעהמען. דען לויט רעכט געהערען אלע אונזערע יונגע לייט אום אייגענעם ווילין. אום דאנקבארקייט נור איין מרטען איצונד וואס דאס לאנד איז אין גרויסען נויטען אין מיליטער אונד פעכטען. ביא אלעם דעם איז מיין ראט דאס דו זאלסט עס דורך אוים ניט טאן. ווייל איך זעה פאראויס דאס דיא פאלאקען וועלען דא מיט זייער מאכט גאר ניט אויס פיהרען. זייא רעכען (לייבע) צו זייער פערדערבען. זייא זיינען בערויבט (פערשיכרט) אוים בייזען צארען אונד ווייטער ניט. זייא זיינען איין נול אנטקעגען אייראפע צווייא מעכטע וויא דיא רוסין אונד פרייסען זינד. דער צו פעלט נאך איין געציין נייטס (אחדות) אונטער זיא. זייא זיינען צום געוויסען טויט וויא מיר זעהען וואס האבען בעגאנגען צווייא מאל דיזען פעלער נגד דעם רצון פון אונזערע נביאים אונד חכמים. איין מאל ביא דעם אונגליקען קריג וואס מיר האבען געפיהרט אין בית ראשון נגד דיא כשדים. אונד דעם צווייטען מאל אין בית שני געגען דיא רעמער. אין בית ראשון האט ירמיהו הנביא געשריען (עברו מלך בבל וחיו). אין בית שני האבען עס געשריען אונזערע תנאים ר' יוחנן בן זכאי אונד זעלבסט דער קעניג אגריפוס אליין. דער יוסיפון ערצעהלט אייך צו דיא רומיים. זעלבסט איין פאטער ווען ער איז אונגיניג קען ניט בעפעהלען וועגען. געשווינדע (פשיטא) דיזע טאלע לייט (משוגעים) וואס וואָרען מאל אין פרידענסצייט אונד נאך מעהר מאל איצונד צו וועלען פיהרע אזוי איין אונגליקען קריג. אין קראפט אונד אין מאכט. אלזוי מיין קינד שפארע דיין בלוט פאר אייגע בעסערע זאכע. בלייבע צוא הויז. אונד קימער דיך ניט אום דיזע ערהע. דען וויא ווערט דער ביא גאר ניט ליידען. דען וויא איך ווייס באשיידען מארגען אז דיא גאנצע פוילישע מיליטער אונד צילינסקי מיט איהנען צום קריגס פלאן

דען



דען דער פיינד רוקט העראן מיט ראשע (געשווינדע) שריטען אונד דער פירשט האט שוין אלזוי קיין צייט צו דענקען פון דיינע קינדעקייט. אונד צו פערזאמען זיך איבער דיר דא נאך אטאג:

דער ר' הערש האט געשפראכען וויא פון סידור. אויף דעם דריטען טאג וואר שוין קיין פוס פון דיא פוילישע מיליטער אין קאליש. קיין צילינסקי אונד אזוי קיין וואיענע פערזאן. זיינען שוין אלע אוועק. אונד ביא אלעם דעם האב איך מיך געמאכט ניט ווייסענדיג. בין איך דעם דריטען טאג געקומען אין זיין שלאס. איך האב דארט דער ווייסט נור דיא קליינע הויזבעדינטע. זייא האבען מיר דער צייילט דאס נאך פארגעסטערען איז געקומען בעפעהל דאס אלע זאלען אוועק. אונד האבען מיר צו גלייך אם געגעבען אלע ליעהרען ביכער, קארטען, אונד נאך קליינקייטען דען אזוי האט דער צילינסקי פערזאגט פאר זיין אבריזען. איך בין געקומען מיט דיזען פעקעל עסקים וויא איינער נאך אשרפה. אונד עס איז מיר איבער געפאלען אזוי בעלאנכאלע (מרה שחורה). דען איך וואר זעלבסט איין לעבענדיגער פראגע צייכען. דען איך האב ווירקליך ניט געוואוסט וואס צו טאן. דען דאס הייסט אהין ניט פערפארען אונד אזוי אומצוקערען זיך צוריק וואר אויך ניט ראטהזאם. דער שפריכוואָרט אבער זאגט, ווען דיא נויט אם העכסטען. איז דיא הילפע אם נעכסטען (אם נאהענסטען). אונד אזויא וואר דא אויך וויא איך וועל אייך דא ווייטער דער צייהלען:

## 11.

## דיא פרייסען אין קאליש.

אין אפאר טעג ארום וואר געלייענט אין דיא שולען אונד אין דיא קירכען איין מאניפעסט. דאס עס וועט זיין קריג מיט דיא רוסין אונד מיט דיא פרייסען אונד באלד דארויף האט מען אנגעהויבען צו בעוואפענען אלע איינוואוינער פון שטאט מיט

פיקעס

THE JEW IN UNIFORM



פיקעס און העלאבארדען (אזוי אמין פיקעס וואס זיינען בעוויקס מיט העקעלעך) . זיך האט מען גימאכט באלד פאר אשאמע (איין נאציילניק איבער הונדערט) ווייל איך האב גישפראכען גוט פויליש און האב אלזוי גיקענט אפגעבין ראפארט פאר דעם בורגמייסטער . און וויא עס וואר מיר טרויעריג צו מוטה בין איך צו זעצט גיוואורין לאכענדיג בייא דער מוסטירונג . זעלבסט דער בייא האבין אונזערע אידלעך זייער שטארק מקפיד . גיוועזן אויף דיא פאלשע עהרע (כבוד המדומה) ווער זאל שטיין פריהער ווער שפעטער . און זיינען מיר שוין גיווארין בלוט פיינדע פאר וואס גראדע מיר יונגען שקאציק רייכט דער בורגמייסטער דיא האנד און קיינעם אנדערען ניט . און פאר וואס איך שרייא אויף זייא זייא זאלין שטיין גלייך . און אלס איין אנדערער נאציילניק האט גיטאן וועגען אקלאפ אדער אצופ האבין זייא גיזאגט דאס דאס וואקסט פון מיין קאפ . אלס מען האט גיגעבין איין בעפעל דאס יעדער זאל זיין פיקע אבמאלען . און איינער האט איר אפ גימאלט דעם גרונד גרין און דער צו רויט געשטרייפעלט האט מען אים בערעט אין גאנץ שטאט פאר וואס ער האט עס גיטאן . ערשטענס ווערט מען נייטען דאס אלע זאלין זייערע פיקעס שטרייפלען . צווייטענס ווייזט דאך עפעס אויס זעהען בייא אים אזוי וויא עס וואלט דאס גיוועזן נאר אדרבה מצוה דאס ער איז מהדר אוים צוא צירען איר . און אלס איך בין גישטאנען מיט זייא אויף דעם מארק און עס האט זיך דער הערט אשאס זיינען זייא אלע צו לאפען . און אלס איך האב אנגעהויבין צוא שרייען „ניע לענקייסע" ניע לענקייסע" טא משאלבע . צא נאציילניק אוטישנע טשעליל דלא פשיווריצאץ (דאס הייסט אום איך איין צונעוואוינען צו איינער שיסעריא) . איז אנגיפאלען אויף מיר איין געוויסער ר' פישעל רויזעס וואס פאר דרייעסט דוא דא אמוח האט ער זיך אפגערופען מיט כעס וויא קומען מיר צו איינער שיסעריא . מיר ווייסען מה גיט פשוט וויא פון פיקעס און ניט פון ביקסען . דען אזוי וואר

דער



ניט מדובר דער כלל וואו אאיד מישט זיך אריין אין איין עסק אזעלכע קאמיסע (לעבעדיגע) שמצענען ווארט פיל מער אלס הונדערט . נור אין קורצין גיזאגט דיא פאלאקען האבין מיט ריזע אידעשע ראטניקעס ניט בעסער אויס געפירט וויא מיט זייערע אייגענע . זייא ביידע (דיא אידעשע און דיא פוילישע) זיינען ארוים פון שטאט געגען דעם פרייס ניט מיט פיקעס נור מיט ברוים און זאלץ און האבין אריין געפיהרט דעם איינגעקבעטענעם גאסט אין קאליש מיט זאנג און קלאנג . און איז דארט שוין אויף פיל ליינער פערבליבען אלס איין ארעמער וואנדערער אין הכנסת אורחים . און דאן האבין אונזערע אידעלעך שוין בעקומען איין פארגעשמאק פון ארדענונג . וואס זייא האבין ניט געוואוסט דר פון דיא איינינע הונדערט יאר וואס זייא האבין פערלעבט אונטער פוילען . און דיזעס וואר זייא שווער וויא דיא אונטערסטע גערווענע . ערכטענס האט דיא פרייסעשע פאליציא אנגעהויבין צו קוקין זייער שטארק אויף דיא ריינטליכקייט . עס זיינען ניט פערשוינט גיווארין דער פון זעלבסט דיא שולען, דיא בתי מדרשים וואס זיינען ניט אוים גיקערט גיווארין צייט מען האט זייא גיבויט און מען האט זייער שטארק געקרעכצט דאריבער . דען עס איז דאן זעלבסט דיא מיסט און דער שמוץ פון אמקום קדוש אויך געשטאנען בייא אונז אין איינער היילגען גערוך*) . צווייטענס וואר גימאכט איינע עכטע רעוויזיע דאס אקינד פון אטאג וואר פערשריבען . און קיינער האט זיך ניט גיטארט אהלוצען אין אפאס . דריטענס האט קיינר ניט גיטארט פארלייהען געלט אן דעם וויסען פון דעם פרעזעדענט . דאמיט דער מלוה זאל וויסען צוא

האט

*) דא ניט לאנג וואר דיא מיסט פון איינער שולע וואס איזט ארוים גיראמט גיווארין דורך דעם בעפעל פון וואיענעם גובערנאטער . אין דעם זעלבען טאג בייא נאכט צוריק אריינגעשליכען (אריין גענגבת) גיווארין :

(ש"ם) הא

האט דער לוה שוין ניט אנדערש וואו אויך געליהען . אונ אין
שוין אלזוי איין בעל חוב . פערטענס דאס יעדער פאטער זאל
שיקען זיינע קינדער אין שול . פינפטענס דאס עס זאל ניט
גיבעטעלט ווערין . זעקסטענס וואר אויסגעזעצט אנרייסע
שטראף אויף פאלשע מאס אונ וואג . אונ אזוי אויך אבצאלונגען
פון יעדען נישנפט . אונ פון יעדען שטאנד אליץ איעלכע זאכען
צו וואס מיר אירען זיינען נאך דאן ניט געוואוינט געווען . אונ
גראדע דיזעס אלעס האט זייא געפיהרט צום גוטען . דען דורך
דיזע ארדענונגען האט זיך באלד פערמינדערט דיא ארמוט . דיא
בעטלערייא . דאס צו טרויען איינער צו דעם אנדערן איזט
געווארין פיל בעסער . אונ צו ליב דעם איז געווארין דער האנדעל
(פערקער) פיל גרעסער אונ געזיכערטער . נון וועל איך אייך דער
צייהלען וואס עס איזט דאן פון מיר דארט געווארין .

## 12

### איין עטוואס פון דער בעהערונג זיינער לאגע.

וויא שוין געזאגט האט פוילען דאן גאר ניט אים געפיהרט .
זייער גרויסער פעלד מארשאל קאסצינסקי האט דיא לעצטע
שלאכט פערלארען געגען דיא רוסען אונ פרייסען . אונ פרידריך
דער גרויסער קיניג פון פרייסין האט דאן אפ גינומען פון פוילען
איינע גרויסע שטרעקע לאנד פון טויזענד קוואדראט מיילען מיט
אמיליאן אונ צווייא מאל הונדערט טויזענד מענשען , עם
דארונטער וואר דיא גאנצע וואיעוואדטסטווא פאזען , גנעזען ,
קאליש , אונ נאך פיל אנדערע אבלאסטען . אונ האט דארט
באלד איינגעפיהרט פרייסישע געזעצע . אונ דיא גאנצע סורא
פראיוואדסטווא וואר דארט איינגעארדענט אין דר טייטשע שפראכע
אונ דיזעס איזט גראדע גישעהען צו מיינעם הייל (גליק) , דען
גים איינער וואר דאן אין גאנץ קאליש וואס זאל אזוי גוט

קענען



קענען טייטש אונ פויליש וויא איך , אונ בין אלזוי באלד
רעקאמאנדירט געווארין פון דעם וואיטעגין אין דעם פערזערענס
אלס גוטער טראנזלאנטער (מעתיק) פון פויליש אין טייטש . דען
עס וואר איינע גאנצע ארחיווע איבער צו זעצען . איך האב
בעקומען אויף דעם ערסטען קלאס איין געהאלט פון פופציג
טהאלער מאנאטליך . באלד דארויף האב איך אנגעהויבען צוא
פערדינען נאך צווייא מאל אזוי פיל מהצד . דען עס וואר
קיינע ביטשריפט אנגענומען געווארין נור אין דער דייטשע
שפראכע . נון וואר איך דער שרייבער דער פון . אין פערלויף
פון איינם יאר בין איך געווארין זיין סאקרעטער . דען איין
גיבארענער טייטשער האט זיך ניט גיקענט פערשטענדליך מאכען
מיט דיא דארטיגע יודען . פאלאקען אונ בויערען . אונ דער
צו נאך וואר איך מיט גאנצעם הילפע העכסט בעליבט ביי דעם
פרעזידענט . אונ ער האט גיפאסט איין גרויסען צו טרויען צו
מיר אונ האט עס ניכט בערייעט (חרטה גיהאט) . דען איך
וואר גירעכט , ערליך אונ פינקטליך אין אלע מיינע האנדלונגען .
אונ ביי אלעם דעם וויא אויך איך האב שוין פערדינט דיא
הילע אונ פילע (גענוג) אונ בין שוין גיגאנגען גאנץ עפענטליך
געקליידעט טייטש . אונ עס וואר שוין קיין מערקמאהל (צייכען)
פון איינעם ארום בחור צוא מערקען אן מיר . וואר איך נאך
אלץ ביי דעם טיש פון דעם ר' הערש אונ וואר געליבט פון אים
אונ פון זיינע פרויא וויא פארהער . אונ פלעג נאך צוא פאר
ברייגען מיט אים דיא שבתים אונ ימים טובים אין לערנען .
דען וויא דיא ווארהייט צו זאגין בין איך געבליבען ביי דיא
זעלבינע פרומע געזיננונגען וויא איך וואר פארהער אלס איך וואר
נאך ארום בחור אונ האב גימאכט אלזוי אויף זיך זעלבסט דיא
ערפאהרונג דאס מען קען זיך זיין געבילדעט אונ זיין זיך דער
ביי גאנץ רעליגיעז . איך זעה דיזען פאל זייער אפט ביי
קריסטען . אונ נאך לייכטער קען עס גישעהען ביי אונז יודען

וואס

DEPLORES THE ENLIGHTENED ASSIMILATIONISTS



וואס די איינציגע אויפגאבע פון אונזער לעבען איז נור די רעליגיאן :

אונ ביי אלעם דעם ליידער זיינען דאס רב געבילדעטע פון אונזער נייע וועלט גאנץ קאלטע רעליגיעזען . אלזוי פאר געווים ליגט עס נים אין דער בילדונג . עס ליגט נור אין איינער שלעכטע ערציהונג אדער אין איינם שלעכטען אומגאנג מיט אזעלכע וואס האבין קיינע ערציהונג געהאט . ווייל די ערשטע וואס האבין זיך ארויס גיוואגט צו בילדען זיך אין דער נייער צייט ווארען אזעלכע קינדער וואס האבין נים גיגעסען ביינגעל מיט פוטער . אונ האבין אלזוי קיינע בעגריף פון דער רעליגיאן גיהאט . אונ דיזעס שאדעט זייער , וויא אונזערע חכמים זאגין . (כל מי שחכמתו קודמת ליראתו אין חכמתו מתקיימת) :

אונ דאהער וואר איך אויך דאן אנגיזעהען פון דעם אידעשען עולם נור אלס פול זיריק . אונ האבין מיר נים מקנא גיוועזען נים מיין אנזעהען (ואנצנאכט) אונ נים מיינע פערדינסטען. אויב וואויל מען האט פון מיר קיין בייזעס גיזעהען . אונ דיזעס האט זיך מיר נים גיוואלט . דען דאס ענדע וועט דאך זיין האב איך ביי מיך גיטראכט דאס איך וועל דארפען נעמען אנווייב אונ נאך האב איך נים איינעם פון קאליש איינגיזעהען וואס זאל מיר וועלען געבין זיינע אטאכטער . דאך האט עס מיר קיינע גראע האר גימאכט . דען איך האב פאר זיך אפען גיהאט אגאנץ פרייכין וואס האט פיל בעסערע טעכטער אלס די קאלישער זיינען . אונ וואס זייערע עלטערען לערנען דעם פשט פון דער וועלט פיל פשוטער אלס די קאלישער . אזוי מיינע ליבען זיינען זיך איבער גילאפין גאנצע צוויא יאר נאך דעם פרייסענס אריין ציהען קיין קאליש אין וועלכע איך האב מיך בעריכערט מיט צוויא טויזענד טאלער באר . אונ נאך מעהר מיט איינער וואוילטהאט וואס וואר מיר פיל טייערער אלס דיזעס געלד . עס איז געווארין דארט אין קאליש איין טייך אין

אפטייקער



אפטייקער וואס האט גיוואלט פערוועהרען דעם ר׳ הערש דאס ער זאל נית האלטען קיין אפטייקארסקען האנדעל . אונ איך האב נאטעם הילפע האב אים ארויס בעקומען איין פריווילעגיום ...ער מען . אונ דיזעס וואר דאן איינע גרויסע זאכע . דיזער ר׳ הערש האט נית גיוואוסט וויא אזוי צו דאנקען מיר דער פאר . אונ איך האב מיך געשעמט עס אנצוהערען ווייא זיינען מיר פיל ליבער אונ טייערער אלס מיין פאטער . האב איך אים גיענטפערט ...ך איר האט פיל מער גיטאן פיר מיך אלס ער *) . אונ בפרט ...ך בין נאך ביי איער טיש אונ פרייא מיך העכסט דאס ...ך האב בעקומען איינע גילעגענהייט מיט וואס אפ צוגא ...יטען אייך :

## 13.

### ר׳ שמעון נעהעם :

אין יענער צייט האט דארט גיוואוינט איין געוויסער ...שהלץ הגדלער ר׳ שמעון נעהעם . ער וואר אגרויסער למדן , ...רחאק , אגרויסער נדבן , אונ דער צוא אגביר עצום . מען ...האט אים געשאצט אין ר׳ אלף טאלער אונ האט גיהאט מער נית ...א איינע איינציגע טאכטער אשיינעם מיידכען פון איאר זעכצען

זיבענצעהן

---

*) אונזערע חכמים זאגין דאס ווער עס איז מגדל יתום ביי ...ך אין שטוב איז גלייך וויא ער וואלט אים געוואונגען , אטייל זאגין ...ער דארף אים נאך פיל טייערער האלטען פאר זיין פאטער , ...וועלכעס איין אורח דארף זיין מכניס אורח אויך פיל טייערער ...האלטען אלס זיין פאטער , איין בעווייז פון דעם אלישע הנביא ...ער אונ אזוי גלייך אליהו הנביא האבין נית בעלעבט זייערע ...עלטערען נור די קינדער פון זייערע מכניסי אורחים , אלישע האט ...גיוועזען דאס קינד פון דער שונמית אונ אליהו דאס קינד פון ...דער צרפתית :

COMMERCIAL CONSIDERATIONS OVERRULE RELIGIOUS ONES



זיבענצעהן וואס וואר דאן אלס צאנק אפעל*) פון דיא אלטע דארטיגע שכנים אום אויפצוזוכען פאר אים א חתן . אונ האבין עס ניט געקענט אויפפינדען . דען וויא אויך דער ר' שמעון געוועזען וואר איין ארטאדאקס (אלט מאדעשער) ביי אלעם דעם וויל ער אימער איז איין פרייסישער זיצער געוועזען . האט זיך אים שוין געוואלט בעקומען אזוי איין בחור'יל וואס זאל האבין אין זיך שוין איין ריח פון השכלה . וואס זאל קענען שרייבען , רעכענען , אונ איין עטוואס צו פערשטיין טייטש . בפרט דאס קאליש איז ארונטער שוין אונטער פרייסין . אונ דיזעס וואר נאך דאן גאנץ שווער צו בעקומען . אונ ער האט עס געוואלט דורך אום וויל זיין געשעפט פאדערט צו האבין אזוי איינעם אינצונד ביי דער זייטע וואס ער זאל זיך קענען אין אים העכסט איינטרויען . אונ דא איז וואר ער געצוואונגען צייט קאליש איז ארונטער אונטער פרייסען צו בעדינען זיך מיט מיר אין אלע זיינע פראצעסען פון זיין האלץ האנדעל וואס ער האט געהאט דאן מיט דער רעגירונג . דען ער האט געהאלטען זייער פיל קאזאנע וועלדער . אונ איך האב ארום אים אגעראבין גראשין פערדינט מיט מיין פען . ערשטענס האב איך איבער זעצט אלע זיינע קאנטראקטען פון פויליש אויף טייטש

---

*) יעדער זאך איבער וואס מען צאנקט זיך ווערט אנגערופען «צאנקעפעל» עס וואקסט ארוים דיזעס פון איינער אלטע זאגע (נאראנגע) , אלס דריא הויפט געטינען פון גריכענלאנד , מינערווע , יונא , פענוס , זיינען געשטאנען ביי זאגען האט זייא יופיטער צו געווארפען איין גאלדענען עפעל מיט דער אויפשריפט , עס געהערט דער שענסטען , אונ ווייל יעדער פון זייא האט זיך געהאלטען פאר דיא שענסטע , האבין זייא געפירט איין גרויסען צאנק דאריבער , אלזוי האט געהייסען דיזער עפעל צאנק אפעל, אונ אזוי הייסט יעדער זאך וואס מען צאנקט זיך דאריבער , צאנק אפעל :



זייט . צווייטענס האב איך איינגעפירט אלע זיינע ביכער פון זיינע געשעפטען אין דער דייטשע שפראכע . דער צוא נאך געשריפטען אונ נייע קאנטראקטען . אונ בין אלזוי געווארין ביי אים איין האלבער הויז מענש. אונ זייער אפט אויך געלאדען צום טיש . אונ וואר אלזוי אימער איין גוטער גאסט ביי אים , צוואר מער אוים אינטערעסע (פרנסה) אלס אוים וואהרע פריינדשאפט . דען ער וואר וויא שוין געזאגט איין עכטער ארטאדאקס . אונ וואר אלזוי איין גרויסער פיינד פון דיא נייע דייטשע מאנירען אונ ארדענונגען . אונ איין נעט געקליידעטער קערעל וויא איך וואר ביי אים גערופען «ווייכער הברעניק» ביי אלעם דעם (דען וואס טוט מען ניט צו ליב דיא פרנסה) האט ער זיך אימער ווארעם אויפגענומען אונ פלעגט זיך מיט מיר אימער מתוכח זיין אונ אויפווייזען וויא דיא בילדונג שאדעט צו דיא אידעשקייט . אונ איך פערקערט פלעג אים אויך צו ווייזען דאס אונזערע אידעשע רעליגיאן איז גראדע דיא וואס גייט האנד אין האנד מיט דער העכסטע אויפקלערונגען . אונ פירכטעט זיך ניט פאר דער ליכט דער ווארהייט וויא איין דיב (גנב) פאר דאס טאגעס ליכט . וויא דער פאל איז ביי דיא היידנישע רעליגיאנען . וויא דער פסוק זאגט (כי הנה החשך יכסה ארץ וערפל לאומים ועליך יורח וכו' והלכו גוים לאורך) :

מער ווילקאמענער גאסט וואר איך אבער ביי זיינער טאכטער דיא שיינע האנא . זיא פלעגט מיך אימער עמפפאנגען מיט איינער היטערען (פריילייכע) מינע . פלעגט מיך אימער צו געווירטען מיט וואס נור מעגליך איז אונ אריין קוקען מיר טיף אינם געזיכט . פלעג זיך העכסט בעקימערען אום מיין וואוויל זייהע . אונ פלעגט איבער צו הערען גערען וויא איך שפרעכע טייטש מיט מאנכען טייטשען בעאמטען (ציגאוניק) ביי זיא אין לטוב . איך האב עס אן גענומען אין אנפאנג נור פיר איינע בלויזע גוט הערציגקייט . אונ ווייטער ניט . אונ דאס זעלבע

האבין

האבין עס נעדרייטעט דיא עלטערען . אין גרונד אבער וואר עס
פיל מער אלס איינע בלויזע פריינדליכקייט . עס וואר נור אויס
איינע פייעריגע ליבע צו מיר . איך האב עס אנגעמערקט פיל
פריהער : אלס אירע עלטערען . אונ איך אויס קאלטע
בערעכענונג האב איך איר קיינע געגען ליבע געצייגט . דען איך
האב איינגעזעהען דאס אזוי איין אונגלייכער ראמאנען שפיל
קען מיר זיין פיל מער צו מיינעם נאכטהייל (רעה) אלס צו מיינעם
פארטהייל (נוצען) . ערסטענס איז זיא אטאכטער פון שיין
רייכע עלטערען וואס שפילען אגרויסע ראלע אין שטאט . אונ איך
בין גראדע דער היפך דער פון . צווייטענס וואר איר פאטער
איין עכטער ארטאדאקס (אלט מארעשער) וואס האט פערהאסט
אנייע מארעשען (דאס הייסט אזוי איינעם וואס גייט געקליידעט
טייץ אונ שפריכט טייץ) וויא דיא פעסט . אונ דיזעס וואר דאן
דארט איך דער ערשטע . דען איך וואר געקליידעט טייץ אונ
דאס גלייכען געשפראכען טייץ . אונ וואר אלזוי דארטען דער
זינדע באק פון דער גאנצער סביבה יעדער טוידעם פאל .
יעדעם שווער צו קינד גיין וואר עס צו געצייכט אויף מיינער
רעכענונג . דאס הייסט עס געשעהעט עס נור איבער מיינע
זינדע . אונ איך וואר אזוי ווייט פערפענט (פעראפיקורסעט)
דארט אין שטאט דאס דער שמעון נעהעם פלעגט זעלבסט ביא
דעם פריינדליכען געשפרעך מיט מיר ניט אריין קוקין מיר אינס
געזיכט . ווייל על פי דינא דגברא איז אסור (פערבאטען) להסתכל
(אריין צו קוקין) ברמות אדם רשע (אין דיא געשטאלט פון
אמענטשען ארשע) דאהער קיין וואונדער דאס איך האב מיר
פון אירע ליבע צו מיר גאר ניט געמאכט . ווייל איך האב עס
אנגענומען פאר איינע טובה (פוסטע) בליהונג וואס ווערט קיינע
פריכטע איינטראגען . דאס הייסט וואס עס ווערט צוא קיינעם
שטיק קומען . אונ וועל נאך דארום (דאריבער) פערוויזען
ווערען פון דיזעם הויזע וואס וואר מיר דאן העכסט איינטרעגליך .
אונ



אונ האב אלזוי געזעהען וויא ווייט מעגליך צוריק זיך צו ציהען
ביא ציימען פון דיזער אפעהרע (ליבעס האנדעל) . איך האב
אנגעהויבען צו ווייזען זיך פיל זעלטענער אלס פריהער . איך פלעג
אהין צו קומען נור ווען מען האט מיך דארט גאנץ נייטיג געהאט .
אונ פלעג מיך באלד בעאיילען אוועק צו גיין . אונ גראדע דיזע
גרויסע פארזיכטיקייט מיינע האט מיך געמאכט נאך ליבער אונ
טייערער אין אירע אויגען . ביא מיינעם ערשיינען אהין פלעגט
זיא אויפבליהען וויא איינע ראזע פון דעם מארגען טויא . אונ ביא
מיינער אבוועזענהייט (ניט זיין דארט) פלעגט זיא ווידער גאנץ
פערוועלקען (פערשמאכטען) וויא איין ליליע (בלומע) פון דעם
אנהויבען איר איין טראקענער שטויביגער דרום ווינט . פלעגט
דיא גאנצע צייט צו זיצען איינזאם אין איר קעמערליין גאנץ
פערקימערט . פלעגט ניט אננעהמען קיינע בעזוכע פון אירע
פריינדינען אונ פלעגט אויך גאנץ ווייניג צו געניסען . אונ וואר
אימער פערזונקען אין געדאנקען אונ פערטיפט וויא איינער וואס
וויל דער גיין דעם שטיין דער ווייזען*) אונ דעם מאבילע
פערפעטואום**) . קוים אבער האט זיא ווינט בעקומען (גיהאט
איינע ידיעה) פון מיין קומען אהין (דאס הייסט פון מיינעם
באלדיגען זיין דארט) פלעגט זיא ווערען באלד פריש . לעבעדיג .
פלעגט זיך אנציהען זייער שיין אויס פוצען . פערבלייבען ביא
דעם שפיגעל שטונדען לאנג ביז מיין ערשיינען . אונ דאן וואר
זיא דיא ערסטע וואס פלעגט מיר אנטקעגען קומען . אונ זיא
וואר

---

*) דאס הייסט אזוי איין כעמישער מיטעל דאס מען זאל
קענען קופער פערוואנדלען אין גאלד . אונ אזוי אויך ואנדערע
פראסטע מעטאלען :

**) אזוי אמאשינע וואס זאל זיך פון זעלבסט אייביג
בעוועגען וואס ביז אהער האט עס נאך גימאנד ערפונדען , דען
מאביל איזט אין לאטיין בעוועגען , פערפעטואום , אין אייביג :

ווארשוין גיט מער די טרויעריגע און פערצאנטע האנא וואס
וואר ביז אהער. און פלעגט מיך באלד טראקטירען מיט וואס
נור מעגליך איזט:

די אויפפאלענדע (זנאציטעלנע) ענדערונג איהרע וואס
פלעגט צו מאכען אויף איהר מיין ערשיינען האבין עס באלד
בעמערקט די דינערשאפט. נאכהער די מוטער. און אם
ענדע אויך דער פאטער. און ווייא עס פאסירט אין אלע אנדערע
ענינים. הן אין למודיות (וויסענשאפטען). הן אין פאליטיצנע
זאכען דאס מען שטויסט אן אויף די גראדהייט אדער אויף דעם
ווארען פשט ערסט אם לעצטען און אם שפעצטען אזוי וואר
דיזער פאל אויך דא פריהער. האבין די עלטערען געמיינט דאס
וואס זיא ווערט פריילעך און מונטער בייא מיינעם ערשיינען איזט
נור דארום ווייל איך בין פון נאטור איין זייער לוסטיגער יונגער
מאן. זאג שיינע גלייכוועדטליך. דר צייל שיינע ענעקדאטען. זאג
שיינע וויצען. און אויף דאס איזט איינע ליבעסקראנקהייט
זיינען זייא ערסט אם שפעצטען געקומען. אלם די טאכטער האט
שוין ניפאכט מיט דער נשמה ווייא איך וועל דא ווייטער דער
ציילען. און דאהער האבין זייא מיר איינינע מאל אויסגערעדט
וואס איך בעזוכע זייא פיל זעלטענער אלם פאהער. און איך
האב מיך ענטשולדיגט מיט דר געוואוינליכע אנטווארט. איך
האב קיין צייט דען עס הייפט זיך ארבייט איבער ארבייט בייא
דעם פערזעהענט:

דיזער גאנג פון דיזער פערקענטע (ניט פערשטאנדנע) ליבע
פון די עלטערען האט געדויערט מער אלם איין יאר. און די
האנא איז אין דיזער צייט אזוי ווייט הערונטער געקומען
(פערמאגערט געווארין) דאס זיא האט אויסגעזעהען ווייא איינע
גריפע (סקעלעט אדער שצעפקע) ווייא איין שאטען. דאס די
עלטערען זיינען געווארין העכסט בעדיינקליך (בעזארגט) וועגען
איר. און די ערסטע פערזאן וואס די מוטער האט זיך פאר



ח׳ ACTS AS INTERMEDIARY IN THE LOVE AFFAIR



איר בעקלאגט דאריבער וואר די חיה. די פרויא פון דעם
ר׳ הירש וואס האט דאן געגאלטען אין שטאט פאר אהאלבע
דאקטארקע. און האט איר צו גלייך געבעטען דאס זיא זאל מיך
בעריירען. צו בעזוכען זייא אפט. דער איינציגע וואס קען איר
אויסצוכען און ערהייטערען איר. האט זיא איר געזאגט. איז נור
אייער טאכיאס. דען ווייא ער קומט נור צו אונז אין שטוב ווערט
זיא נאר איין אנדער מענטש. זיא ווערט פריילעך און גאר ניא
בעלעבט. דען ווייא דיא ווארהייט צו זאגען. ער קען מיט זיינע
גלייך ווערקליך איינעם טויטען צום לאבען ברייגען. און גראדע
קומט ער צו אונז צייט איין האלבעס יאר גאנץ זעלטען:

די חיה וואס האט זיך אויף די ראמאנטיק פיל בעסער
פערשטאנען אלם די מוטער. און בערט דאס איך האב איר
שוין פון לאנג איינגעווייהט (איינגעהיליגט) אין דיזער געהיימנים.
האט איר ניט געענטפערט זייער קלוג: הערע זייא ליבע נעחמ׳. האט
זיא זיך אפגערופען צו איר. איר זאלט וויסען דאס איך בין וועגען
אייער טאכטער זייער שטארק בעזארגט. זיא וויל מיר גאר ניט
געפעלען. הלואי זאל כיט איר גוט זיין. איר מוזט אייך מיט איר
ווענדען צו דעם דאקטאר גלאנזעווסקי. ווענן איר וואס נאך
פערציהען בעקומט זיא דיא דער. און ניט פערגעסט זיא איזט
בייא אייך איין אוינ אין קאפ. רעט אייך ניט איין פייגעלעך אין
בוזעם. דאס מאביאס ווערט איר פריילעך מאכען. דאס איז קאלטע
רפואה. איך האב עס ביז אהער ניט געוואלט זאגן ווייל מיין
נאטור איז אימער צו שווייגען וואו איך ווער ניט בעפראגט אום
איינעם ראט. און איר האט מיט מיר ניט איין ווארט
דאריבער געשפראכען:

אוי ליבע חיה. האט זיך די נעחע אפגערופען. אוי
איין פאלשעם געשיינק איז אטאכטער. דער עולם זאגט מען
כוז שווייגען און ניט ריידען פון דעם וואס מען וויל דאס אנדערע
זאלין ניט ריידען דער פון. געם פעלט מיר מער ניט דאס שען זאל

וויסען אין שטאט דאס איך האב גערופען א דאקטאר צו מיינער
חנה. אן שונאים פעלט אונז ניט ב"ה. מען פארגינט אונז ניט
דא דאס לעבען. נון טעט עס באלד הייסען דאס חנה איז
אחולנית. אין דער צעהענטער דער: נון בלייבט עס מיר זיצען
ביז גראע צעפ. אוי איך מוז מיך שטיקען מיט מיין צרה. איך
קען קיין דאקטאר רופען צו מיר אין שטוב. מען וועט עס באלד
אויף טעלערלעך פון אייגאנדער טראגען. אונ אנדערע וועלען
נאך דר ווייסט וואס זאגין. א עס זייען דא גענוג ליידיגע צינגער:

הערען זייא ליבע נעהע האט זיך די חיה אפגערופין. איר
זייט דום, קרום, אבער ניט פרום. וואס איז עס פאר א רייד
איבער אייגע פאלשע שאנדע ווילט איר אייער קינד איבער
פירין. איר זאלט וויסין איר נעמט איבער אייך איין נפש. וואנט
אייער כאן דאס ער שפילט מיט אנשבה. איר וועט חרטה האבין.
עס וועט שוין אבער זיין צו שפעט. איר זאלט שוין היינט רופין
גלאנזעוויסקען צו אייך. פערזאמט ניט אייער קינד. עס איז נאך
פילייכט איר צו רעטירען. אברהם האב איך. האט איר די נעהע
געשמערט. איך פאלג אייך. דאך דאס זעלביגע זאל אייער ר'
הערש ריידען אויך מיט מיין מאן. ווען ער האלט עס גאר פאר
א קלייניקייט. רעכט, מיין מאן וועט זיך מיט אים זעהען שוין
באלד, צוא מנחה:

דיא נעהע איז אוועק אפערקלעמטע. אונ דיא חיה האט
עס באלד מיט געטיילט דעם מאן אונ האט אים איין גיראטען
אין אויער דאס ער זאל זיך זעהען מיט דעם גלאנזעוויסקען. אונ
זאל אים געבעטען דיא וואהרע אורזאך פון דער חנה'ס קראנקייט.
אונ דאס ער זאל געסטאטען דאס זיא מוז איר פערליבטען דורך
אוים הייראטהען. וואנסט וועט זיא פערקטערען (פערשמאכטען)
וויא איין גרינעס בלאט אין דעם שפעטען הערבסט. זיא האט
עס אים אזוי בעדערעט אוים ליבע צו מיר דאס איך זאל בעקומען
דיא חנה פאר איין פרויא, אונ דאן וועל איך זיין מעהר אלס
גליקליך



גליקליך אונ עס איז איר דיזער פלאן העכסט געלונגען. וויא איך
וועל דא ווייטער דער ציילען:

## 14.

### דיא וויזיטע פון דעם דאקטאר גלאנזעוויסקי:

דיא רייד פון דעם ר' הערשען אונ פון זיינער פרויא האבין
ניט פערפעלט זייערע ווירקונג אויף דעם ר' שמשון אונ דיא
נעהע. דען זייא זיינען געוואהרין העכסט בעזארגט וועגען זייער
טאכטער אונ האבין אפ גיאכט צו זיך דעם דאקטאר. אונ נאך
האט קיין דאקטאר געמאכט אזוי איין טרויעריגען איינדרוק מיט
זיינעם אויסשפרוך איבער א קראנקעם קינד אויף זיינע עלטערן
וויא אויף זייא ביידען. דען ער (דיזער אויסשפרוך) האט זייער
הארט בערירט זייער פאטערליכעם הערץ. אונ צו גלייך אויך
זייער עהרע. ער (דער דאקטאר) האט זייא ערקלערט דאס זייער
טאכטער איז העכסט געפעהרליך. אונ דאס דיא אורזאך פון
איהרער קראנקהייט איז נור איינע געהיימע ליבע וואס צערט
איר וויא איינע העלעשע פלאמע. אונ דאס עס איז נאך צייט איר
צו רעטען נור דורך דאס פערהייראטהען איר גיך אונ באלד מיט
יענע פערזאן אין וועלכע זיא איז פערליבט. זייא ביידע האבין
זיך בייא דיזען אויסשפרוך גאנץ ענטפערבט (בלייך געווארין).
אונ געבליבין שטיין וויא פערשטיינערט. אונ בייא אלעם דעם
איז זייא נאך געבליבען גענוג גייסטעס געגענווארט (פשיטאמנאסץ
דער מטה) צו רעטען זייער עהרע אונ האבין זיך געפרובירט
איבער צו צייגען (בעווייזען) דעם דאקטאר. דאס זייער טאכטער
איז איין גאנץ אונשולדיגעם קינד. אונ ווייס ניט דאס מינדעסטע
וואס צו זאגין פון ליבע. דער דאקטאר אבער ... האט גירעדט
וויא פון סידור. דען עס האט אים וויא מיר ווייסען שוין פון
פריהער דער ר' הערש אלס ענטדעקט. האט זיך ניט גילאזט איין

ווענדען

וענדען. "מיינע פריינדע" האט ער זיי געזאגט "איר מיינט מיך צו נארען. איר נארט אבער אייך זעלבסט. דען פערלירען א טאכטער וועט איר. אבער ניט איך. אלזוי ווען אייער קינד איז אייך ליב פאלגט מיך אונ לעבט וואויל:

קוים איז ער ארויס פון טיר. האבען זיך די עלטערען אנגעהויבען צווישען זיך צו סודען. נאכהער צו צאנקען. דען זיי וואָרען נאך ניט אזוי דום דאס זיי זאלין באלד ניט פערשטיין ווער יענע פערזאן איז וואס זייער טאכטער איז פערליבט אין אים. אונ האבין אלזוי גיהאט גענוג אורזאך איבער וואס זיך צו צאנקען. זיא (די מוטער) האט אים (דעם מאן) בעשולדיגט וואס ער האט מיך אריין גיבראכט צו זיי אין שטוב. אונ ער האט איר בעשולדיגט וואס זיא (די מוטער) האט ניט באלד אנגעמערקט דאס די טאכטער ווערט מיר גוט. ער האט גיוואלט אויס גרויס צארען די טאכטער צו רעדע שטעלען (אויס ריידען) אדער אזוי נאר די ביינער דורך קיילען. אונ די מוטער האט עס ניט דער לאזען "וואס ווילסטו דוא מאן?" האט זיא זיך אפגערופען צוא אים "ווילסט איין מארד בעגיין. איינע גאנץ איבערפליסיגע ארבייט. קוים וואס זיא לעבט. ברויכסט ניט האנדגרייפליך (בידים) איר לעבענס פלאמע אויס צוא לעשען. זיא וועט באלד אליין אויס גיין וויא א ליכט וואס שטיקט זיך שוין אין רערעל. "א בעסער איר טויט" האט זיך דער פאטער אפגערופען אלס צו פערהייראטהען איר מיט אזוי א שייגעץ וויא דר טוביאס איז וואס איז אנגיטאן וויא א גוי אונ וואס האט גיוואלט שטודירען דאקטאר. אונ שפילט איצונד די ראלע פון א פאקער "ניין מיין מאן" האט זיא זיך אפגערופען. "ניט אזוי גיך איזט מען דן דיני נפשות. זייא דיך מיישב מיט דעם רב וואס איזט כער למען, פרימער, אונ צו גלייך קלוגער פאר דיר. אונ בעגייא ניט דיא זעלבע דומהייט אונ שטאלץ וואס איזט בעגאנגען דער יפתח מיט זיינער טאכטער וואס האט איר געאפפערט נור אויס

שטאלץ



שטאלץ וואס ער האט ניט גיוואלט זיין פרעגען איין ראט וועגען איר ביי דעם פנחס הכהן וואס וואלט אים פאר געוויס מתיר גיוועזען. אונ די טאכטער וואלט געבליבען לעבין. אונ זיין שטראף וואר עס פאר דאס ער איז גישטארבען אכזרית משונה. ווען עס זיינען אים אפגיפאלען די גלידער איינער נאך דעם אנדערען:

## 15

### "דער גוטער ראט פון דעם ראבינער"

וויא אייך מיינע ליבען שוין בעקאנט איזט וואר דאן דער רב פון שטאט דער ר' שמעון פרץ וואס וואר מיר זייער גוט שוין פון לאנג. ער וואר איין גרויסער חכם. איין וועלט מאן. דער אראקעל*) פון דער געמיינדע. אונ וואס ער האט נור ווען געראטהען וואר העכסט ברעכענד וויא מען וואלט געפרעגט ביי איינעם פראפעט (נביא) הן איין יודען אונ הן איין קריסטען. דען ער האט גישפראכען זייער גוט פויליש. צו דיזעם געטליכען מאן האט אפאלירט דורך דעם ראט פון זיינער פרויא אויך דער ר' שמעון נעתעס. ער האט אים דער ציילט אלס וואס מיר וויסען. אונ האט אים בעפרעגט אום ראטה וועגען דעם. ווען די זאכע איז אזוי ווירקליך וויא איר דער ציילט מיר דאס אייער טאכטער איז שטערבליך פערליבט אין אים" האט זיך אפגערופען דער רב "איזט (האט מיר קיין פעראיבעל) איינע דומהייט פון אייך דאס איר זייט גאר געקומען מיך בעפראגען וועגען דעם" אונ ליידער איזט עס צו וואר. האט זיך אפגערופען דער ר' שמעון אריין פאלענדיג אים אין די רייד. אונ דאך איז מיינע פראגע ביי אייך גאר ניט דום. דען פאר געווים וואלט איר אויך אייער טאכטער ניט וועלען אוועק געבין פאר אזוי א שייגעץ וואס גייט

אנגעטאן

*) איין ארט אורים ותומים:

DIK'S EXPERTISE IN AMOROUS MIDRASHIM!



אנגעטאן וויא אנוי אונ רעט וויא אנוי . אונ בפרט ווא איז בייא מיר נור איינע» אונ גראדע ווייל זיא איז בייא איך איינע» האט זיך אפגערופען דער רב . הארפט איהר איר מעהר שוויגען זאנסט וועט זיא פערשמאכטען . דען דיא ליבע איז איין אונאויסלעשליכעס פייער וויא איין הימעלשער בליץ וואס מען קען עס ניט מיט קיין וואסער אויס לעשען . וויא דער פסוק זאגט (מים רבים לא יוכלו לכבות את האהבה) זעלבסט געוועקסע (צמחים) וואס האבין ניט אין זיך קיין רוּחַ הַחִיּוּנִי (קיין לעבענס גייסט) ווערען אויך בעהערשט פון דער ליבע אונ פערשמאכטען ווען עס מישט זיך אריין איינע הינדערניס (שטערענעס) צווישען זייערע ביידע געשלעכטער (מינים מענליכעס אונ ווייבליכעס*) וויא אונזערע חכמים דער ציילען דארט אין מדרש (במדבר ג׳) מיט דיזען לשון : «מעשה בתמרה אחת שהיתה עומדת בחמתן ולא היתה עושה פירות והיו מרכיבין אותה ולא עשתה פירות אמר להם דקלי תמרה זו רואה מיריחו והיא מתאוה לה בלבה והביאו ממנה והרכיבו אותה מיד עשתה פירות.» עס געשאך דאס איין ווייבליכעס (נקבה) טייטעל בוים וואס וואר אין דעם ארט וואס מען רופט הַמָּתָן וואס וואר אונפרוכטבאר . מען האט איר גיפראפט (מרכיב גיוועז) אונ וואר דאך אונפרוכטבאר . האט גיזאגט איין געוויסער פאלמער (דאס הייסט אזוי איינער וואס פערשטייט זיך אויף טייטעל ביימער אדער איין אגראדניק) דיזע ווייבליכע טייטעל בוים איזט פערליבט אין איינעם מענליכען טייטעל בוים



*) אונטער אלע געוועקסע זיינען דא צווייא ערלייא געשלעכטער מענליכע אונ ווייבליכע , אונ בענאשען זיך (פארען זיך) , איבער הויפט איז עס צוא מערקען בייא דיא פאלמען ביימער (טייטעל ביימער) , זייא מוזען געפלאנצט ווערען פארנוייס, איין מענליכער לעבען איינע ווייבליכע , זאנסט פערקימערען זייא אונ בלייבען אונפרוכטבאר :



וואס וואקסט דארט אין יריחו . אונ אלס מען האט איר געפארט (מרכיב גיוועז) מיט אצווייג פון יענעם בוים האט זיא שוין אנגעלעבט אונ איז גיווארין פרוכטבאר . נון וואס זאלין מיר זאין ריידען פון אמענטש וואס איז פון בלוט אונ פלייש אונ האט אין זיך איין וויסען (איין דעת). דורך איינע געשטערטע ליבע בעקומט מען איינע קראנקהייט וואס הייסט «חולת האהבה» אונ מען פערשמאכטעט דורך איר וויא דיא פאלמע (טייטעל בוים) . ווען דער מענטש איזט אויך איין געוועקס וויא דער פסוק זאגט «כי האדם עץ השדה» :

אלזוי מיין ליבער ר׳ שמעון איז עס איינע געוויסע דומהייט פון אייך צוא מאכען אזוי אפראגע וואו עס האנדעלט אום פקוח נפש זעלבסט , ווען דער טוביה וואלט ניט גיווען אזוי פרום וויא אלע אנדערע יונגע לייט . בפרט איך קען אים פון אפיל בעסערע זייטע אלס איר . א מעכטען אלע געבילדעטע יונגע לייט זיין אזוי פרום וויא ער אונ אלע פרומע לייט אזוי ערליך וויא ער וואלטען מיר אונז גאר ניט האבין צו שעמען מיט אונזער נאציאן . צווישען אונז גערעט האט דיזער יונגער מאן ניט זיין גלייכען בייא אונז אין שטאט אונ פערציהעט נאך . נאך ווייס איך ניכט אויב ער איז [illegible] פערליבט אין איירער טאכטער וויא זיא אין אים . צו וועט ער [illegible] ווערען טאן מיט אייך . דען ער איז איין גרויסער וועלט כאן , וואס וועט שפילען מיט דער צייט אגרויסע ראלע אזוי אונטער אידין אונ אזוי אונטער קריסטען . עס דארף אים נור דער קענען איינער פון די בערלינר קאנטעריסטען וועט ער אים צו חאפען מיט ביידע הענד פאר איין איידעם . דען אזוי איין יונגער מאן וואס פאראייניגט אין זיך תורה אונ חכמה אונ יראת שמים . איז גאנץ זעלטען דארטען אויך . איך בין דארט אפגעוועסען (אלס איך וואר ניט געזונד) אגאנצעם יאר . אונ ווייס אלזוי וואס דיא פריישע יודען זיינען . דאס בייא אשידוך קוקין זייא נור

אויף דעם קרן. אונ דאס ער (דער חתן) זאל זיין פון ארענטליכע עלטערן״:

„איך וועל אייך ניט לייקענען ליבער רבי״ האט זיך אפגערופן דער ר׳ שמעון „דאס באמת וויל איך אויך א חתן פאר מיין טאכטער וואס זאל האבן אפילו זייטיגע פעדער ביי זיך אין האנד. דאס איך זאל אים קענען איינווייהען (איינהיילינגען) אין געשעפט. ער זאל זיך קענען בעשפרעכען מיט אקריסט, מיט אציגאנאוניק, דאך דיזעם אליין מיר נאך ניט גענוג. איך וויל ער זאל האבן פערמעגען. זיין פון איחוס. אונ זאל דער ביי אם ווייניגסטען אויס זעהען וויא א איד. אונ ער דער טוביה זעהעט דאך אויס עפעס וויא אשיינעץ אונ איז נאך דער צוא איין ארעם קינד אונ אמלמדים אזון. וואס פאר אצירה וועל איך האבן אין דר וועלט ווען איך וועל מיט אים טאן? געווים וועט מען זאגין נים אנדערש דאס מיינע טאכטער האט אממזר גיהאט זאגסט וואלט איך אויס גיהאגט פאר איר אשידוך וואס וואלט מיט אים דיא וועלט געקלונגען. איך וואלט בעקומען דעם בעלעגעל פון היכעל. דיא קרוין פון דער לאמעגאציע. אונ שולדיג אין דעם בין איך אליין. דער וואס האט א טאכטער אין שטוב דארף זיין פיל פארזיכטיגער אלס איך. וויא אונזער גמרא זאגט אויף דעם „וישמרך בבנות שצריכות שמירה״ דאס הייסט טעכטער מוזען האבן אגרויסע שמירה:

אונ ביי אלעם דעם ליבער ר׳ שמעון האט זיך אפגירופין דער רב צו אים. באם דער טוביה ליבט אייער טאכטער זאלט איר מיט אים טאן. דען אייערע איינוועגדונגען זיינען נור פוסטע דמיונות. ערסטענס ווייל אייער טאכטער איז אין אים שטערבליך פערליבט. צווייטענס איז דיזער יונגער מאן ווערט דאס איר זאלט אים נעהמען וויא ער שטיים אונ גייט אן אגראשין אונ אפשיטען נאך מים נאלך. דריטענס פערגעסט ניט דאס מיר זיינען שוין פרייסישע אונטערטאנען. דאס עס וועט זיך דא

אלזוי



הלוי גיך אונ באלד אלעם אומענדערען. דיא קליידונג אונ דיא פרנכות, דיא מאנירען. עס וועט דא ווערען וויא אין טייצלאנד, אונ דאן וועט אוים זעהען איין יעדער פון אונזער אלטע וועלט וויא אשטראשידלע. נון איזט אייך בעשערט צו בעקומען איין איידעם וואס וועט זיין איין צייט געמעסענער (סאווערעמענער) מענטש. אונ וואס וועט צוא גלייך פערשטיין פיל בעסער וויא צו בעהאנדלען אייער טאכטער אלס איין אנדערער דען ער איז איין גרויסער אדעל מאן. אונ ווייטער נארעסטע ווען ער ליבט אייער טאכטער וויא זיא אים וועט ער געווים צו ליב איר זיך אום קליידען אידעש באם עס וועט אים זיין געשעפט ערלויבין. נור גלייכער איז דאס ער זאל בלייבען טייץ געקליידעט. דען וואצו זאל ער זיך מאכען צום שפאט אין דיא אלע פריסוצטוועס וואו ער פערקעהרט:

קורץ דער פון מיינע ליבען. דער רב וואס וואר איין ואבפערשטענדיגער מאן האט אזוי ווייט געווירקט אויף דעם ר׳ שמעון דאס ער האט אין אפאר טעג ארום געשיקט איין שדכן צו דעם ר׳ הערש ווענען זיינער טאכטער מיט מיר. אונ דיזער ר׳ הערש וואס ער האט קוים זיך דער ווארט אויף וואס ער האט גיהארט. האט ביי אלעם דעם אוים הוילער פארזיכטיקיים אנגענומען דעם שדכן זייער לויע (קאלטלעך). „עס איז צוואר״ האט ער זיך אפגערופן צום שדכן „איינע עהרען פארטי (שידוך) פאר מיינעם מאביאס״. דאך מוז איך מיט אים זעלבסט דאריבער שפרעכען. צו וועט ער נאך וועלען. „אזוי גאר?״ האט זיך אפגערופן דער שדכן „ער זאל נאך ניט וועלען״ ער איז דאך צווישען אונז גירעט פון גרונד אוים איין ארעם בחור. איין טעג פרעסער. אונ איצונד איז ער גיווארין איין גימאכטער טייצעל. פאנאסעמע הייסט עס ביי אונז אידין גאר אשייגעץ. „ווען אזוי?״ האט זיך דער ר׳ הערש אפגירופען צו אים „איזט דאך מיר אוואונדער נייגקליך וואורום זאל וועלען דער ר׳ שמעון מיט אים גאר טאן?״

ווייל

ווייל דיא מיידעל איזט עפעס קריינקליך״ האט דער שד
גיענטפערט. ״אונ דאהער״ האט אים דער ר׳ הערש גיענטפערט ״עס קען מאקע געשאלט זיין דאס דר טאביאם זאל ניט וועלען. אונ צווייטענס אזויא אמענטש וויא ער (וויא טאביאם) שטיים ניט אום געלט. ווייל ער זעלבסט איז געלט. ער איז אגרויסער פערדינער. אונ וועט עס נאך איין גרעסערער זיין. אונ ווען געלט איז בייא אים שוין קיין זאך איז שוין דער יחוס פון דעם ר׳ שמעון וואס איז געגרינגערט אויך נור אויף זיין געלט שוין אויך קיין זאך. אזוי איינער וויא ער זאל זיך ארין ווייזען אין בארלין האט ער פאר זיך טויזענדע פארטיען גרעסערע אלס דער ר׳ שמעון. דער צוא נאך מיט הויך געבילדעטע מיידכען. אונ ווען ניט האט ער פאר זיך דארט גרויסע שטעלען אין קאנטארען מיט גרויסע געהאלטען. אלזוי מוז איך פריהער מיט אים זעלבסט שפרעכען דאריבער״ :

דער שדכן איז אוועק פון אים מיט דיזער קאלטע תשובה צו דעם ר׳ שמעון. ער האט דיזע אנטווארט אויס גיהערט מיט גרויסע שמערצען וויא א שווערע אפעראציאן. האט דער בייא גיגלעט דעם בארד. אונ האט גיזאגט ״נון, זעהע איך איין דאס אחכם איז נור דער רב. דען ער האט דאך מיר מאקע גיזאגט דאס עס קען נאך זיין דאס ער דער טאביאם וועט זיך נאך ברעקלען״, קורץ מיינע ליבען. איך וויל אייך ניט מאריך זיין וויא דיא ווארהייט צו זאגין. העטע איך ניט גיוועזן פערליבט אין דיזער האנא וואלט איך מיך ניט פערהייראטהעט פאר קיינעם געלדע מיט אשאכטער פון איינעם דארטיגען יודען ווען ער וואלט זעלבסט מיליאנער גיוועזן. דען דיא מיידכען ווארען דארט גאנץ אונוויסענד וויא איין שמוק פיה׳ האבין גישפילט אין צייכען נור אונ אין לאלקעם. און ערציהונג, מיט בייזע מיילער אונ וואלט פיליכט רייכער גיווארין אלס איך איצונד בין. איך האב זיא אבער העכסט ליב בעקומען. אונ האב אויך דיזען שידוך

גיטאן



גיטאן מיט פריידען. צום שיין אבער אלס איין צו ליב שידוך. דען אזוי האט גיוואלט דיא קלוגהייט האבין :

## 16.

### ״ענדע גוט אלעס גוט״

ביז מיינער האכצייט האב איך קיין גערים ניהאט פון מיינעם פאטער. בייא לייטען קימערט מען זיך פיל מער אום איין פערלאפענעם הינטעל אלס ער האט זיך געקימערט אום מיך. דאס גלייכען ניט פון מיינע ברידער אונ שוועסטער. אויך מיין פעטער וואס איך האב גיהאט אין קאליש איז מיר ביז זיין טויט פרעמד געבליבין. דען ער איז גישטארבין מיט א יאר צוריק. ער האט מיך אלזו גאר מאנכע מאל אנגעשפראכען ווענען דעם גראסען איך האב אבער ניט גישמעקט. דען איינע פערוואנדשאפט (קרובה שאפט) און התקרבות איז וויא איין פינפטער ראד צום וואגען אדער איין דריטער פוס צום מענשליכען קערפער וואס איז נור איין לאסט וואס שטערט דעם פארט גאנג. איך האב מיך ביז מיינער האכצייט גאנץ פערגעסען אן זייא אלעמען ווי זייא אן מיך. אונ העט מיר באלד גיבארין ווערען אזון וואלט איך אים אויך איין נאמען געבען וויא יוסף (מנשה) ווייל גאט האט מיך אויך געמאכט פערגעסען מיין פעטערליכעם הויז. לײדער וואר עס מיר ניט פערגונען. דען מיינע האכצייט האט פערקלונגען ביז מערעסאוו. עס האט דארט גיהייסען דאס איך בין גיווארין איין אידעם פון איין מיליאנער. אונ אליין בין איך גאר איין טבעתנאטאר גיווארין. וויא אידען האבין אין זיך דיא נאטור צו מעסטען אלץ מיט דעם גרויסען מאסשטאב. אונ בעפאר נאך איך האב צייט גיהאט איינצובירגערען זיך געהעריג בייא מיינע שוויגער עלטערען אונ צו פאמילירען זיך מיט מיינער פרויא וואס האט אנגעהויבין אויף צו בליהען נאך דער האכצייט וויא איינע

בלומע

THE FAMILY DESCENDS



בלויבע אין איינעם מילדען (זאנפטען) טויא וועטער. קורץ געזאגט קוים האב איך אנגעהייבין איין עטוואס ארונטער צו שלוקען פון דעם אקארשט מיר פון גאט צו געדאכטען פריידען קעלך (קעלעסאק) וואר ער מיר שוין געווארין פערגאלט דורך דיא פריהעצייטיגע בעזוכע פון מיינעם פאטער, ברידער, שוועסטער, אונ קרובים, נייע אונ אלטע, דאס עס איזט מיר געווארין שוין איינג אין דער וואוינונג פון מיינע שוויגער עלטערען וואס האבין זיך צו קניפען דיא באקען. אם שווערסטען וואר מיר דער ערסטער בעזוך פון מיינעם פאטער. ער וואר מיר וויא איין דארען אין אויג מיט זיינעם לוכפינען גאנג אונ אזו איך אים מיט מיינע טייצעשע בגדים. דען איך בין געבליבין געקליידעט מייץ נאך דער הויכצייט אויך. איך האב אוים געפירט אלץ וואס איך האב געוואלט. אונ האבין אזוי גיהאט גאנץ גענוג אורזאך צו זיין העכסט אונצופרידען איינער מיט דעם אנדערען. ביי אלעם דעם האב איך אונ מיינע פרויא. אונ אזוי אויך מיינע שוויגער עלטערען אויפגענומען אים זייער פריינדליך אונ מיט עהרען. איך האב אים באלד זייער שיין אוים געקליידעט. האב אים בעשטימט זעקס טאלער אמאנאט גיהאלט. ער וואר דער מיט העכסט צו פרידע. איזט גוט געווארין מיט מיר. האט מיך געבענטשט אין איז זיך אוועק געפארין מיט שלום. באלד נאך אים האב איך גיהאט בעזוכע איבער בעזוכע פון נאהענטע אונ ווייטע קרובים. איך האב זייא ביי אלעם דעם זייער גוט אויפגענומען. אונ יעדען בעזונדער זייער שיין בעפרידיגט פון מיין אייגענעם גראשין וואס איך האב גיהאט פערדינט פאר דער האכצייט. אונ אלזוי ווער איך נאך נעבלאגט פון זייא ביז דיזען טאג. דען דיא ארמוטה איז דארט אין ליטע אונ אין פוילין איין איינבעדינג דאס לעבענס וויא יונגע קרעץ, אונ גרינדלעך אויף דיא קעפ פון דיא דארטיגע קליינע קינדער:

דיא פרויא מיינע דיא האנא איז געווארין באלד נאך דער האכצייט



האכצייט העכסט געזונד בליהענד אונ גליהענד. זיא האט זיך פערשענערט פון טאג צו טאג אונ איז געבליבין שיין ביז אין איר שפעטען אלטער. דאס נאך איצונד איז צוא געפינען אין איר געזיכט שפורען (צייכענס) פון איינער געוועזענע פענוס, שאדע דאס זיא איז איצונד אין בארלין ביי אונזער איינקעלין וואלוכנע אויף איר האכצייט. אונ וואר ניט צייגע פון מיינער ערציהלונג פון אונזערע ליבע צוא איינאנדער זיא איזט נאך פריש אונ גרין וויא אין דעם טאג פון אונזערער האכצייט. מער אלס פופצעהען יאר האב איך מיט איר פערלעבט אין דעם הויז פון איהרע עלטערען אין שטילע פריידען. באלד נאך דער [illegible] האב איך איבער גענומען דעם געשעפט פון מיינעם שוויגער פאטער. איך האב אים גיגעבין אבעסערע לייטונג (פיהרונג). האב אים זייער גוט איינגעריכטעט. אונ האבין פערדינט מאסען געלט. מיינע שוויגער עלטערען האבין מיך געליבט פיל מעהר אלס זייער טאכטער. ווייל איך האב זייא פיל מעהר אין עהרען גיהאלטען אלס זיא וויא געוואוינליך דארט דיא אידעשע ערציהונג דאס דיא קינדער ווערען דארט אין זייער צארטעסטען עלטער געלערנט צו זידלען אונ צו שילטען טאטע אונ מאמען. אונ גיבין זייא נאך אלע לוינען (משונעתען) זאל זיך דארט אייער מוטער גוט שלוקערצען. זיא וואר דאן אויך ניט בעסער פון איהרע עלטערען ערצויגען. אונ פלעגט זיי אפט זייער הארט אנקומען. גאט זייא דאנק דאס זיא האט עס מיט דער צייט גאנץ פערלערענט (פערגעסען). דען איך האב איר דער פון גאנץ אב געוואוינט. אונ איר מיינע ליבע קינדער האט שוין ביי אונז איינע פיל בעסערע ערציהונג גענאסען:

דיא פופצעהן יאר וואס איך וואר אין איינעם מיט אייער גרוים עלטערען. זיינען מיר איבער גילאפען וויא איין גוטער חלום וויא איין אונגעטריבטער מייא טאג. אונ האב מיך אין זייא ניט פערגעסען אין מיינע גוטע אונ איידעלע וואהלטהעטער אין דעם

ר' הערש און זיינער פרויא חיה . איך וואר זייא צו געבונדען
וויא פאר הער . און אזוי אויך זייא צו מיר . איך און מיינע
פרויא האבין זייא גיעהרט . געליבט און געשעצט פיל נאך
מעהר אלס איינענע עלטערען . זייא ווידער האבין געהערצט
אונזערע קינדער גלייך וויא זייא וואלטען געווען זייערע איינענע
אייניקלעך . און וואר זייא אם ענדע איינע שטיצע אין זייער
לעבין . איך האב זייא געמאכט אגרויסע קאנטע אין בערלין .
און האבין גיהאט אלע ארטיקולען אין דער צייט . און מיר האבין
זייא אם ענדע בייא זייער טויט בעוויינט פיל מער אלס איינענע
קינדער . זייא זיינען ביידע נפטר געווארין אין איין יאר . און
איך זעלבסט האב אפגעהיט אגאנץ יאר קדיש נאך זייא . און
היט נאך איצונד אפ זייערע יארצייטען מיט פאסטען . מיט לערנען
מיט קדיש . דען אונזערע חכמים זאגין דאס ווער עס איז מגדל
איין יתום אין זיין הויז איזט גלייך וויא ער וואלט אים זעלבסט
געצייגט (גיהאט) :

נון מיינע ליבען מוז איך אייך נאך איין עטוואס מיט טהיילין
פון מיינעם וואוילטהעטער . פון דעם פירשטען ציליניסקי . אין
איינינע יאר נאך מיינער האכצייט איז ער גיקומען קיין קאליש
איך האב אים באלד בעזוכט און האב געוויינט וויא איין קינד
אלס איך האב איהם דער זעהען ארויס קומענדיג צו מיר מיט
איין הילצערנע פוס . דען זיין איינענע האט ער פארלארין אין
שלאכט . שטיל איין דיינע טרערען דוא יונגער מאן . האט ער
זיך אפגערופין צו מיר אלס ער האט מיר גערייכט פריינדליך די
האנד . עס האבין פיל בעסערע און איידעלערע אלס איך געליטען
אין דיזער שלאכט . און פערשמערצען (פערליידען) עס מיט
פריידען . שלאכט פערלארען . נור דיא עהרע ניכט פערלארען .
מיר האבין מוטהיג געפאכטען וויא דיא לייבין . און אונזער
באדען (לאנד) איזט זעלבסט צייגע דאס מיר האבין גענוג
גיטאן פאר אים :

איך



איך האב בייא אים נאך געפרעגט וועגען [...] זיינער פרויא און
אום נאך אנדערע פערזאנען וואס איך וואר מיט זיי ב[...]קאנט . איך
האב אים דער צײלט דאס איך בין געקומען אויף דעם [...]
אין זיינער וואונונג לויט מיין פערשפרעכען . איך האב אי[...]דיטען טאג
כוין ניט דר וויסט דיין נוטר שטערן (גליק) האט ער זיך אפגע[...]ם אבער
האס דיר דאן דיזע אנטוואורט אין מונד געלייגט . זאנכט וואלסט[...]קומען
געווארין ענטוועדער ערשלאגען אדער געפאנגען . און פילייכט נא[...]דוא
אויך פערוואונדעט דער צו . נון וויא גייט עס דיר דא . עס שיינ[...]איך
דאס דוא האסט וואס געוואונען (בעסער גימאכט) בייא דיזע[...]ם
פאליטישער אומוועקסלונג . דוא זעהסט אויס פיל שענער אונד
בעסער געקליידעט אלס פריהער :

איך האב אים דער צײלט אלעס . וואס עס האט מיט מיר
פאסירט . און דאס איך בין יעצט איין געהילץ הענדלער . קורץ
געזאגט איך בין אפ געזעסען בייא אים איינינע שטונדען . ער
האט מיר דער צײלט וויא עס האט פאסירט מיט אים אין שלאכט .
און פון דיא פוילישע אויסזיכטען אויף דיא צוקונפט . און אם
ענדע אלס איך האב אן אים אנגעשפירט דאס ער איזט אין גרויסע
געלד פערלעגענהייט . האב איך אים פארגעשלאגען דאס ער זאל מיר
פערדיינגען זיינע וועלדער . און ער האט עס גיטאן מיט פריידען .
מיר האבין אונז איינעם דעם אנדערען ניט בעטראגען . איך האב
אים גיגעבין צעהען טויזענד טאלער פאראויס . און זיינען אזוי
פערבליבען פריינדע נאך ביז איצונד . דען ער לעבט נאך . ער איז
אין פאריז און מיר שרייבין אונז זייער אפט בריף . און זעהען אונז
מיט פריידען ווען איך פאר דורך פאריז :

אין פופצען יאר נאך מיין הויכצייט האב איך מיך בעשלאסען
באלד נאך דעם שווינער פאטערס טויט . דאס איך זאל מיך בעזעצן
אין דאנציג אוים פילע אורזאכען . ערסטענס אום צו געבין אייך מיינע
ליבע קינדער איינע אייראפייעשע ערציהונג וואס אין קאליש וואר דאן
גאנץ אונמעגליך . און בפרט נאך אין דיא לעצטע צייטען וואס האט

דיך

זיך דארט אן געהייבן אריין צו שלייכען (צו פערקריכען) דער חסידיסמוס (חסידות) וואס איז גראדע געגין דער בילדונג. און וואס האט אנגימאכט דארט גרויסע אונאיינינקייט צווישען די יודען. דען זייא אליין (די חסידים) ווארען דארט אויך באלד איינגעטיילט אין פערשיידענע סעקטען (כתות). צווישענם האבין מיך געצוואונגען דער צו מאנכע פאליטישע אומשטענדע. דען עס וואר דאן אליץ אונרוהיגע צייטען. וואס דיזעס האט גיהאט אגרויסען ווירקונג אויף מיינע געשעפטע. קורץ געזאגט איך בין ארויס קיין דאנציג מיט דער שוויגער מוטער און האב דארויף קיין חרטה. דען גאט וואר מיט מיר דא און איזט נאך איצט אויך מיט מיר. עס איז מיר געלונגען אין אלע זאכען. ניט שלימער זאל עס אייך גיין אין אייער לעבען:

נון מיינע ליבע בין איך שוין צו ענדע מיט מיינער ביאגראפיע (לעבענס געשיכטע) דאך נור אין אלגעמיין (בדרך כלל) ווען גאט אבר וועט מיך מזכה זיין צו פייערען אין איינינע יאר דעם שבעים מאל פון אייער מחבר וועל איך אייך דר ציילין א"ה אויך פיל נעבענזאכען (אדר פרטים). דאס הייסט וויכטיגע בעגעבענהייטען פון מיינעם ביז העריגן לעבין. זייט וויסין מיינע קינדר דאס איך האב ביי אלעם דעם פיל מער גליטין אין מיינעם לעבן אלס נחת גיהאט. מער גיוואנדערט צווישין דערנער אלס צווישין רויזין. און האב אזו גימאכט די טרויעריגע ערפאהרונג דאס מיט רעכט ווערט דיזע וועלט אנגערופין אין אלע שפראכן מיט דעם נאמן "טרויער טאהל" עמק הבכא. און דאס נור די רעליגיאן. דאס צו טרויען צו דער געטליכע הילפע. איז דיר לייטענדע (פיהרענדער) שטערן וואס פירט אונז פעראירענדע רייזענדע אויף דיזעם שטירמישען מער דעם לעבענס. און וויל מיר מוזין נור די רעטענדע האנד גאטעס צו אונזערע הילפע האבין אלזו מוזין מיר אונז ווירדיג מאכען (ווערט מאכען) אים עס צוא ערלאנגען. און דיזעם איזט נור דורך ריינע גאטעס פורכט:

דער

# אונצייטיגער בעזוך

און

# דער לעסטיגער גאסט

מאת אמ"ד.

ווילנא

בדפוס והוצאות האלמנה והאחים ראם

שנת תרל"ט לפ"ק

ДЕРЪ УНЦЕЙТИГЕРЪ БЕЗУХЪ.

т. е.

Посѣщеніе не во время или незванный Гость.

Повѣсть А. М. Дика.

ВИЛЬНА.

Въ типографіи Вдовы и братьевъ Роммъ.

Жмудскій переулокъ дома №№ 327 и 328.

1878.